70628

טויב צו ווערן. ביי יעדן פייף, בויגט מען זיך, שוין אינסטינקטיו. אַז
ביז צו דר׳ערד און מ׳קריכט אויף אלע פיר, - באזונדערס ווען מ׳קומט
ערד
אויף א שטח וואָס איז אביסל העכער. אזוי קריכנדיק, דערזען מיר א
וועגעלע מיט 4 אייזערנע רעדלעך ביז האלב איינגעגראָבן אין דער ערד און
דערביי א פארראָסטעטער אקער-אייזן. מיר האָבן זיך באלד ביידע א וואָרף
געטאָן צום וועגעלע און מ׳שלעפט דאָס שוין צו דעם אָרט, וואו דער ערשטער
פארוואונדעטער אונזערער דארף לויט אונזער השערה ליגן. ניט לייכט
איז צו געפינען א גריב אויף א ברייטן גלאטן פעלד פון עטלעכע קילאָ-
מעטער, וואָס איז פול מיט אזעלכע גריבער און וואו ס׳איז פארבאָטן ארום-
צושפאצירן. ווען מיר זענען צוגעקומען צו אונזער פארוואונדעטן, איז
ער שוין געווען שטארק פארשמאכט און געהאַט פארלוירן יעדן פונק פון
א צייט
האָפנונג ארויסגעראטעוועט צו ווערן ווען מ׳גיט איז פון דעם קבר. באַלד
נאָך אונזער אוועקגיין האָבן די עטלעכע „אלטן-שימער” אויך פארלאָזט דעם
גריב, האָט ער שוין ביי זיך באשלאָסן צו שטארבן, פארמאכנדיק די אויגן
פאר ווייטיק, און אין זיין האָפנונגסלאָזער לאגע איז ער איינגעפאלן אין
א קאָשמאר פון היץ... ווען ער האָט זיך פלוצלונג דערזען אויפ׳ן פרייען
פעלד ליגנדיק אויפ׳ן וועגעלע, האָט ביי אים ווידער אויפגעוואכט דער
לעבן-אינסטינקט און ער האָט זיך גענומען בעטן ביי אונז, אז מיר זאָלן
אים וואָס שנעלער צופירן צו א „הילפס-פאסט”, ווייל די דייטשן קאָנען
נאָך נעמען אונז באשיסן.

די דייטשן, ווייזט אויס, האָבן געמיינט, אז מיר פירן א קאַ-
נאָן אָדער אן אנדער געווער-מאשינע, האָבן זיי אויפגעפענט אויף אונז
א פייער פון אלע זייטן. דאָס וועגעלע איז ווי א זיפּ דורכגעלעכערט גע-
וואָרן פון די קוילן, און דער פארוואונדעטער האָט געקריגן נאָך א קויל
אין גראָבן פלייש וואָס אונטער דעם רוקן. ער האָט גענומען יאָמערן און
שרייען, אז מיר וועלן אים א לעבעדיקן שוין ניט ברענגען צום רעטונגס-
פונקט. מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כּוח און געשלעפּט

70629

די שווערע משא פונם פארוואונדעטן אויפ'ן וועגעלע מיט די אייזערנע רעד-
לעך, וואס האבן געהאלטן אין איין זינקען אין דער ווייכער ערד און אונז
במעט אוממעגלעך געמאכט דאס גיין פאראויס. אזוי שלעפנדיק זענען מיר
אלע מאל געפאלן אונטער דער משא און זיך ווידער אויפגעהויבן, געפאלן און אויפגעהויבן
זיך, געגליכן צו די אמאליקע שקלאפן וואס פלעגן שלעפנדיק שווערע משאות
און הויבן זיך אויף אונטער די שמיץ פון די טרייבער — אונזערע טרייבער
זענען געווען די קוילן וואס האבן געפייפט איבער אונזערע קעפ. איך שטעל
מיר טאקע ניט פאר, ווי אזוי מיר זענען ארויס גאנץ פון דעם דאזיקן
פייער. ווען מיר זענען ענדלעך צוגעקומען צום רעטונגס-פונקט, איז דער
פארוואונדעטער געווען שוין פאר'חלש'ט פון דער אויפרודערונג פון זיי-
נע אלטע וואונדן און פון זיין פרישער וואונד. ער איז געקומען צו זיך
און געעפנט די אויגן ערשט דאן, ווען דער פעלשער האט אים געמאכט אן
איינשפריצונג פון א סערום ~~////~~ וואס קרעפטיקט.

דער רעטונגס-פונקט איז געווען פון די אלפן-שיטער, און
דא זענען געשטאנען די באטאריי עס פון די „75-ער". דער אפיציר פון
די באטארייעס האט אונז אויסגעפרעגט וועגן דער אטאקע. ווען מיר האבן
אים דערציילט, אז אונזער אייגענע ארטילעריע האט אונז געשאסן אין רוקן און
פאראורזאכט גרויסע פארלוסטן, — האט ער אונז געענטפערט, אז דאס איז
אונזער אייגענע שולד, ווייל מיר האבן צו שנעל אוואנסירט און זיי האבן
דעריבער ניט געקאנט נאכקומען מיט זייער ציל. ער האט אונז געגעבן
ווייסע פענדלעך און געוויזן, ווי מיר זאלן זיי ארויסשטעקן אויף די שפיצן
פון די שפיזן און סיגנאליזירן, ווען מיר וועלן זיין ביים בערגל אויף
דער נייער פאזיציע וואס מיר האבן פארנומען.

אויף א העלפט וועג צו אונזער פאזיציע האט א קויל געטראפן
מיין חבר אין דער רעכטער האנט. אזוי ווי מיר האבן שוין מער קיין באנ-

דאַזשן ניט פֿאַרמאָגט, האָב איך אים אָראָפּגעריסן דעם אַרבל פֿון זײַן העמד און פֿאַרבונדן די װאונד. איך האָב אים דאַן געלאָזט ליגן אין אַ גריב, װי ער האָט דאָס אַלײן פֿאַרלאַנגט. איך האָב מיך געלאָזט גײן װײַטער און אָנגעקומען צו אונזער פּאָזיציע . איך האָב דאַן געגעבן דעם באַשטימטן סיגנאַל מיט'ן װײַסן פֿענדל צו אונזער אַרטילעריע, אַז זי זאָלן פֿאַרלענגערן דעם ציל, װײַל װען איך בין צוגעקומען צו דער פּאָזיציע האָבן נאָך אײגענע קוילן פֿון די „75-ער" געטראָפֿן פּונקט אין די פּראָװיזאָרישע טראַנשײען, װאָס אונזערע האָבן גענומען גראָבן אונ- טערן באַרג. מײַן סיגנאַל האָט געהאַט דעם געװוּנטשענעם רעזולטאַט. דער לײטענאַנט פֿון באַטאַליאָן „ב", װאָס האָט זיך געפֿונען אין דער טראַנ- שײ, האָט מיר געהײסן אַרומגײן אַזױ די גאַנצע לענג פֿון אונזערע פּאָזיציעס און געבן דעם אָפּגעמאַכטן סיגנאַל. איך האָב אַזױ געטאָן. װען ~~[illegible]~~ איך בין צוגעקומען צום אָרט „נעװיל סאַן װאַסט", האָט מיך דערזען דער לײטענאַנט פֿון דער קוילנװאַרפֿער-אָפּטײלונג און אױס- געפֿרעגט װעגן אונזערע פּאָזיציעס און צי כ'האָב צופֿעליק ניט באַגעגנט זײַן מאַנשאַפֿט פֿון דער סעקציע מיט די קוילנװאַרפֿער-מאַשינען. ~~[illegible]~~ װעלכע ער האָט פֿאַרלױרן איבער דער שטאַר- קער באָמבאַרדירונג פֿון די דײַטשן.

— אױב איך קאָן אײַך נוצן ברענגען, מײַן לײטענאַנט, בין איך צו אײַער דינסט — האָב איך אים געזאָגט.

— ניט איבער דאָס דאָזיקע בערגל — רופֿט ער זיך אָן — ~~[illegible]~~ זײַט פֿאָר- זיכטיק װײַל די דײַטשן האָבן דאָ אָפּערירט, איר מוזט קריכן אױפֿ'ן בױך — אָן ערך 100 מעטער נאָך דעם דאָזיקן בערגל דאַרף זיך געפֿונען מײַן סעקציע. אױב איר װעט זײ טרעפֿן, זאָגט זײ, אַז איך בין דאָ און גלײַך אַז זײ זאָלן אונטערקומען.

14) 62

70631

איך בין גלײך אװעק און טאַקע באַלד געװען פֿון יענער זײט בערגל. איך האָב מיך גענומען זוכן די סעקציע קוילנװאַרפֿער און, נאָך פֿיל מי, זי געפֿונען ליגנדיק אין א גריב. די העלפֿט פֿון דער מאַנשאַפֿט האָט געפֿעלט; אײניקע פֿון די איבערגעבליבענע זענען געװען פֿאַרװונדעט: װער אין א פֿוס, װער אין א האַנט, װער אין דער ברוסט און װער אין אַנדערע טײלן פֿון קערפּער. די געזונטע האָבן זיך געהאַלטן מיט די צע-נומענע טײלן פֿון די מאַשינען און מורא געהאַט אפֿילו ארױסצושטעקן די קעפּ פֿונם גריב — אזױ איבערגעשראָקן זענען זײ געװען פֿון דער לעצטער באָמבאַרדירונג, װאָס האָט אָנגעמאַכט א חורבן אין זײער סעקציע און געװען די סיבה פֿון דער פֿאַרשװינדונג פֿון זײער לײטענאַנט, װעגן װעלכן זײ האָבן ניט קײן ידיעה זײט אין-דער-פֿרי. װען איך האָב זײ דערצײלט, װאו דער לײטע עפֿנט זיך און אז ער האָט געהײסן גלײך צו אים אונטערקומען, — האָבן זײ זיך צום ערשטן מאָל געקװענקלט און ניט גערירט פֿון אָרט; װען איך האָב אָבער געכאַפּט דעם ערשטן בעסטן קוילנװאַרפֿער און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום לײטענאַנט, האָבן זײ גענומען די אַנדערע טײלן פֿון די מאַשינען מיט די קעסטלעך קוילן און מיר נאָכגעפֿאָלגט. מיר זענען גראָד אָנגעקומען צום ריכטיקן מאָמענט: די דײטשן האָבן גענומען מאַכן א קאָנטר-אַטאַקע אויף די פֿאַרנומענע פּאָזיציעס און אונזערע טרופּן האָבן רעשיק אָנגע-הויבן אָפּצוטרעטן אין אומאָרדנונג. דער לײטענאַנט איז ממש געשפּרונגען פֿון דער הויט:

— גיכער! שנעלער! שטעלט אויף די קוילנװאַרפֿער! דאָ — אײנעם, דאָרט — דעם צװײטן, װײטער — דעם דריטן,. און װאו זענען די צװײ אַנדערע מאַשינען?

— אויפֿגעריסן צוזאַמען מיט די מענטשן, מײן לײטענאַנט.

— גוט — זאָגט ער זיך אָפּ אויף שנעל — מאַכט פֿאַרטיק די מאַשינען און ברענגט אַהער די קעסטלעך.

מיר זענען געלאפן הין און צוריק ווי די פארסמ'טע מייז: דא האבן מיר געשלעפט די קעסטלעך מיט די באנדן קוילן פאר די קוילנ-ווארפער אז זיי זאלן זיך ניט אפשטעלן אין מיט'ן דרינען, דא — די רעזערוו-קאנאנען אויף איבערצובייטן די קוילנווארפער ווען די לעצטע ווערן אויסגענוצט, דא האט מען געמוזט גראבן קליינע טראנשייעס צו סימולירן די קוילנווארפער און זיי פארדעקן פון די דייטשן. דער ליי-טענאנט איז געלאפן פון איין קוילנווארפער צום צווייטן:—

— שטעלט דעם ציל אויף 700 מעטר! ניין-ניין! שטעלט אויף 600 מעטר! ס'איז נאך צו ווייט, שטעלט אויף 500 מעטר! איר זעט דאך ווי די דייטשן אוואנסירן! רעגולירט דאס פייער! — האט ער געהאלטן אין איין קאמאנדירן.

פלוצלונג — טראך-טא-רא-ראך! —

— מיין לייטענאנט, איך בין פארוואונדעט! — רופט זיך אן דער וואס צילט און שיסט מיט'ן ערשטן קוילנווארפער.

— זאל דער צווייטער „לאדנער" פארנעמען דאס ארט פון ערשטן — באפעלט דער לייטענאנט.

דזש-זש-זשים! באם!... און ס'הערן זיך שוין געשרייען:

— דער צווייטער קוילנווארפער איז אויפגעריסן געווארן! דער שיסער איז טויט! ביידע העלפער זענען פארוואונדעט!

ס'האט לאנג ניט געדויערט, און, ביז די זון האט זיך געזעצט און ס'איז געווארן טונקל, זענען מיר געבליבן זאלבע-צווי — איך און דער לייטענאנט — און איין מאשינע. דערווייל האב איך מיך שוין געהאט אביסל אויסגעלערנט די מלאכה. — צום ערשטן האב איך אונטערגעטראגן די פולע קעסטלעך מיט קוילן, דערנאך בין איך געווארן א העלפער צו דערלאנגען די באנדן מיט קוילן צום קוילנווארפער; ווען דער ערשטער „לאדנער" איז פארוואונדעט געווארן נעבן מיר, האב איך שוין פארנומען

70633

זיין פלאץ, און ווען דער שיסער האט געקריגן א קויל גלייך אין שטערן אריין _ האט צום ערשטן דער לייטענאנט פארנומען זיין פלאץ און איך האב אונטערגעגעבן די באנדן און דערנאך האב איך פארנומען דאס ארט פון שיסער און דער לייטענאנט האט אונטערגעגעבן די באנדן. _ אזוי זענען מיר געשטאנען און געארבעט, ביז די נאכט איז צוגעפאלן, די דייטשן האבן זיך צוריקגעצויגן און ס'איז שטיל געווארן. פלוצלונג גיט מיך דער לייטענאנט א פרעג:

_ פון וועלכער סעקציע ביסטו?

_ איך בין א אינפאנטעריסט פון באטאליאן „ד", 8-טער רעגימענט.

דער לייטענאנט איז געבליבן פארגאפט און זיך געוואונדערט וואס איך האב מיט אזוי פיל פארשטאנד געארבעט ביי די
און
קוינווארפער. ער האט פארשריבן מיין נאמען און דעם מעטריקול איז גלייך אוועקגעגאנגען זוכן די אנדערע דריי סעקציעס פונם רעגימענט קוילנווארפער מיט'ן קאפיטאן. פאר'ן אוועקגיין האט ער מיר אנגעזאגט, אז איך זאל היטן דעם קוילנווארפער און פון דאנעט ניט אפטרעטן, ביז ער וועט קומען."

_ אויב אזוי, פארשטיי איך שוין, פארוואס דו ווילסט זיך ניט צעשיידן מיט'ן קוילנווארפער; אבער וואס וועסטו טאן, ווען ער וועט ניט צוריקקומען? _ ער איז דאך אויך ניט מער, ווי א מענטש, און א קויל קאן אים דאך טרעפן!

_ מיר וועלן ווארטן ביז ס'וועט ווערן ליכטיק, וועלן מיר זען וואס מיר האבן צו טאן. איצט איז שטאק פינצטער און ס'איז שווער זיך צו אריענטירן און וויסן , וווהין צו גיין.

מיט'ן טאג איז געקומען דער לייטענאנט און באפוילן זיך צוריקציען מיט'ן קוינווארפער, ווייל די פאזיציע איז אוממעגלעך איינצוהאלטן _ און אנדערע טרופן וועלן פארנעמען אונזערע ערטער און אויפ'סניי אנהויבן די אפענסיווע.

65

70634

21/11/1915

ליבער פריינט,

איך האב פארלוירן איינעם א רוסישן חבר, א טייערן מענטשן.
ער איז געווען פריי ווי א גאט, שטארק ווי א ריז, שען און שטאלץ
ווי אפאלאן און קלוג ווי דער ספינקס. ער האט אין רוסלאנד איבער־
געקערט וועלטן, אין פאריז דאסגלייכן. ער וואלט געווען א בארימטער
מאלער, ווען ניט דער ציניטער טויט.—

מיר זענען געגאנגען צוזאמען עטליכע מענטשן ברענגען דאס
עסן. ער איז געגאנגען מיט א פאר שפאן פאר מיר. גראד דאן האט
ער דערהאלטן א בריוו פון זיין פרוי פון פאריז, אזוי א קינסטלע־
רין. זי האט אים אין בריוו געפרעגט, צי ער האט א געלעגנהייט צו
שאפן אין די טראנשייעס שענע בילדער. אין דעם מאמענט איז אנגע־
פלויגן א שרעקליכער הארמאט און האט אים אוועקגעלעגט. איניקע
מינוטן בין איך געבליבן פארטומלט. דערנאך האב איך מיך ארומגע־
קוקט.— א פלאך ברייט פעלד. פון ווייטנס זעען זיך חורבות פון פא־
געווישטע דערפער, צעבראכענע מצבות פון בוימער, און אויפ׳ן
פאדערגרונט ליגט ער, דער קינסטלער, אין א טייך פון זיין אייגן
בלוט. דאס איז געווען דאס שענסטע בילד פון די טראנשייעס, דער
טויט גופא האט עס געמאלן מיט זיין טייוולישן פענזעל...

נעכטן האבן מיר א פאר דייטשן געשאסן ניט ווייט פון אונזערע
גראבענס. איינער האט נאך געזיפעט, האט זיך צוגעשלעפט צו אונז;
דאן האט ער געקריגן צוויי קוילן אין בויך און איין קויל אין רעכטן
פוס. ער איז פאר מיינע אויגן אויסגעגאנגען.— דאס איז געווען א

66

70635

(2)

שענער בלאָנדער יונגערמאַן מיט א זער סימפּאַטיש פּנים. מ'האָט בײ אים געפונען א בריװ פון זײן מוטער, װו זי שרײבט, אז זי בעט גאָט פאר אים און װיל שוין דערלעבן דעם גליקליכן מאָמענט אים א לעבעדיקן צו זען... אויך האָט מען בײ אים געפונען א בריװ צו זײן מוטער גרײט אויף אװעקצושיקן, װו ער באַרימט זיך, אז ער װעט אינגיכן קריגן דעם אײַזערנעם פאַרדינסט-קרײץ. איצט ליגט ער נעבן מיר מיט אָפענע שטאַרע אויגן און אַרויסגעשטעקטע פאַרביסענע צײן... ער האָט שוין זײן קרײץ פאַרדינט, נאָר אנשטאָט א אײַזערנעם, װעט ער האָבן א הילצערנעם.

אָך! װאָס פאר א צױבער-קראַפט האָט אין זיך דאָס לעבן! מיט בלוט אין די אויגן און אויסגעשטרעקטע די הענט האָט ער געבעטן, מ'זאָל אים אָפּראַטעװען און גערופן זײנע קאַמעראַדן; אָבער אײניקע פון זײ זענען שוין געליגן טויט, די אנדערע זענען זיך צעלאָפן. אונז האָט מען ניט דערלויבט אים צו העלפן. דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן אונזער לאַגע.. ס'איז א [illegible] שוידער געװען צוצוקוקן. זײן מוטער װאַרט נאָך אלץ אויף זײן בריװ און ער... ער ליגט שוין טויט, אױנגעשלײדערט אין א גרױסן גרוב צוזאַמען מיט א פּאָר אונזערע טויטע, װו זײ האָבן שוין אלע געשלאָפן א „מעפּאַראַטן" אײביקן שלום — די פרײדיקע געגנער פאַרשטײען זיך שוין איצט גוט אויף שטים-לשון...

איך געפין מיך איצט אין א באַזונדערן צושטאַנד. איך בין װילנלאָז, האָב קײן ברעקל פאַרלאַנג, קײן פּיצל באַגער. איך לאָז אלץ לויפן, װי עס לויפט. אָ, צײט! װאָס פאר א בײזער גרויזאַמער גאָט האָט דיך באַשאַפן און דיר געגעבן די מאַכט צו קאָנען אלץ פאַרטראָגן אויף דײנע פליגל װאָס באַװעגן זיך אָן אויפהער אין דער אײביקײט...

3) 67 70636

אָט איז די ליד, װאָס איך האָב ערשט אָנגעשריבן:

בײ א ברעג פון טײכל בין איך
מיר אזוי געשטאנען,
האָב באטראכט די כװאליעס לויפן
אײלן זיך פון דאַנען.

פילע אומבאקאנטע װעגן
קומען זײ אנטקעגן
און קײן אײנער זײ אויפהאלטן
װעט נישט פונדעסטװעגן...

„גליקליכע, קלאָרע, פרײע װעלן" —
האָב איך זיך געבעטן, —
„נעמט מיך מיט מיט אײך צוזאמען
אין דעם טײך דעם ברײטן;

װעל איך, װי איר, שנעל אנטרונען
פון דעם אָרט, דעם שלעכטן,
און ~~עלץ~~ דעם ים, דעם טיפן, װײטן,
װײט פון הײנט און נעכטן.

אויף א אינזל דאָרטן װעל איך,
מיר א נעסט אויסבויען
און מײן ביטער האַרץ פאר קײנעם,
קײנעם מער פארטרויען..."

70637

## צו א פריינד

.....אין א געפעהרליכען מאמענט האט מיך דיין לעצטער בריוו גע_
טראפען און אין נאך א געפעהרליכערן שרייב איך איצט... היינט א מאנאט,
ווי מיר האבען געמאכט א שפיעל, געשטעלט אויף דער וועלט-ביהנע דעם
שרעקליכן ספעקטאקל, בעת וועלכן ס׳זיינען דריי-פיערטעל שפילער אומגע_
קומען, און צווישן זיי אונזער גוטער פריינד ס א ב א ל... היינט א מא_
נאט.. איצט געהען מיר ווידער אין דעמזעלבן דאטום מאכען אזא שפיעל..
די נאכט האבען מיר עטוואס שרעקליכעס איבערגעלעבט... בעת איך
שרייב די שורות, ווערט די ערד געשפאלטן פון די דונערן פון קאנאנען..
דער הימעל איז צו דער ערד געבויגען.. בלויז גרויסע שטיקער ערד
און פיערדיגע וואלקענס, זעהט מען, ווערן פארשוואונדען און אנדערע ווי_
זען זיך ווידער... מיר מאכן דעם פארשפיעל, די חתונה, די וועטשערע און
דאס באגרעבעניש אין אין צייט...

## א הספד נאך פרץ׳ן

וועגן פרץ׳ס טויט האבען מיר געוואוסט נאך זייענדיג אין שאמפאן
עטליכע טעג פאר אונזער קריי-מארש. מיר האבען זיך דאן צוזאמענגענו_
מען א היבשע גרופע ״יידישע העלדן, געמאכט אים א הספד, איניגע האבען
דעקלאמירט זיינע זאכען, מען האט דערצעהלט פארשידענע געשיכטן פון
דעם גרויסן טויט׳ן און צום אפשיד געזונגען ״יידישע לידער... דאס
איז געווען א גרויסארטיגע אונטערהאלטונג און טרויער צוזאמען (דארפסט
ווייסן, אז ביי אונז איז ניט קיין אונטערשיד; מיר ווייסן ניט, וואו עס
ענדיגט זיך איינס און וואו פאנגט זיך אן דאס צווייטע)... אסך פון דער
דאזיגער גרופע פעהלען שוין איצט צווישן די לעבעדיגע... דעמאלט האט
נאך קיינער פון זיי ניט געגלויבט צו זיין אזוי גיך דארטן, וואו פרץ
איז...

איך בין פאלקאם געזונד און שטארק ווי א רייזע... בלויז די

336 . 69


נערװן, דאָס האַרץ און די נשמה צאַפּלען אַביסעל... װאָס זאָל דאָס זײַן פאַר אַ קרענק?

דאָס שרײַבן האָב איך געמוזט איבעררײַסן. איך בין שױן געװען אַ לעבעדיג פּאַרשיטער פון אַן „אַביוס”.. נעבען מיר אַ ליגן שױן טױטע... װאָס קוקען זײ אַזױ מאָדנע װײַט?... ערשט... נאָר װאָס.. װאָסער איראָניע פון טײַװעל!... װעל איך באַלד אױך אַזױ אױסזעהן, אַזױ אױסגעלומפּערט... עקלדיג... אַז די לעבעדיגע װעלן זיך מיאוסן אַ קוק צו טאָן אױף מיר?...

דער „קלערן” פּײַפט!.. אַדיע!.. אַדיע!.. מ'רופט אױף אַן אָנפאַל! גרוס און קיש די קינדערלעך פאַר מיר; דערצעהל זײ גאָרניט!..

70638

## פאַרנאַכט, נאָכ'ן צוזאַמענשטױס

מיר האָבן געזיגט_ אַז אַך און װײ צו דעם זיג...די טױדטע פאַרדעקען די פעלדער... די פאַרװאונדעטע...ט, די פאַרװאונ_דעטע! װי מאַכט מען זײ שװײַגען!... זײערע קרעכצן און יאָמערן רײַס_ען מיך פון זינען... איך האַלט דאָס נישט אױס! זאָל איך נעמען אַ שװערד און זײַן זײער ערלײזער?! זאָל איך פאַרענדיגען די אַרבעט פון דעם רױטען טױדט?.. װאָס װילן זײ פון מיר? דו װײסט דאָך גאָט, אַז איך קאָן דאָס נישט איבערטראָגען!..

מיר האָבן אױך גענומען געפאַנגענע... קרײפּלען!.. קײן אײנער װאָס זאָל זײַן שטאָלץ... אַלע געהען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.. פּען! איך קאָן נישט קוקען אױף זײ!.. מוזען זײ דען האָבן די מאָרד-אינסטרומענטען, כדי צו זײַן שטאָלץ און שטאַרק?... װײסען זײ נישט אַנדערש! װאו נעמט מען דעם גרױסען מאַרטירער, װאָס זאָל געהן צום טױדט מיט גלײַכע טריט און אַ שמײכעל אױף די ליפּען, כדי עס זאָל קײן קרעכץ נישט געהערט װערען? די מענשען זײַנען נאָך נישט דערצױ_

גען צו אזעלכעס... קריפלען בלויז! א דור פון שוואכע, אומגעהאל־
פענע באשעפענישען...

דערצעהל נאך גארנישט די קינדער... זאלען זיי לעבען
אין זייער קינדערשער פאנטאזיע...

אראס, 9 יוני, 1915.

70639

ס'איז שוין דער 3-טער טאָג, ווי די אטאַקעס, קאָנטער-אטאַקעס און קאָנטער-קאָנטער-אטאַקעס הערן ניט אויף א שעה פון פיל קילאָ-מעטער אויפ'ן וועג פון ב ע ט ה י ן, צווישן ליל און אראַס. ס'נעמט גאָר קיין סוף ניט! — אָט זענען שוין די דייטשן ארויסגעטריבן פון זיי-ערע דרייפאַכיקע טראַנשייען און שיס-גריבער — מ'פאַרפאָלגט זיי שוין אויפ'ן גלאַטן פרייען פעלד אין דער ריכטונג פון ד ו ע און ל א נ ס — ווען דאָס ריידל טוט זיך פלוצלונג א דריי און אָט זענען מיר שוין ארויס-געשטויסן פון די ערשט פאַרנומענע פונקטן און זענען געצוואונגען זיך צוריקציען אין דער ריכטונג פון ס-ט ע ל ו א, נ ע ה י ל, ס-ט וו א א ס ט און ק א ר א נ ס י. און אזוי בסדר. די דועל-קאַמפן צווישן 75-קער, 90-קער, 105-טער, 150-ער און 155 לייכטע האַרמאַטן צע-רייסן ממש די לופט מיט זייער קנאַקן. ס'טרעפט און ניט זעלטן — אז די ארטילעריע שיסט איינ'ם רוקן פון די אייגענע רייען און מאַכט אַן גרויסע צרות, ווייל ווען אזא ארטילעריע-קאַמף צעפלאַקערט זיך קאָן מען זיך שוין מער ניט אָריענטירן, וואו די אייגענע געפינען זיך און וואו די פרעמדע,- און מ'שיסט אויף גאָט'ס באַראָט.. דערפאַר איז די שווערע ארטילעריע שוין זיכער מיט אירע אָפּעראַציעס: זי ווייסט, אז אירע שילזהים ווערן סוף-כל-סוף געפינען די געווינטשטע פונקטן—דעם רעזערוו—, וועלכער איז, אייגענטליך, דער גאַנצער ציל פון זייערע אטאַקעס. טרעפט טאַקע, אז א „270-ער" אָדער א „300-ער" פאַלט ארויף אויף א שיס-גראָבן („אַברי"), צעשמעטערט אים און פאַרשיט לעבעדיקערהייד א צענדליג-צוויי סאָלדאַטן אָדער גאָר ער צערייסט זיך אין מיט'ן שלאַכט-פעלד און מאַכט א קאַשע פון עטליכע צענדליקער סאָלדאַטן. דאַרף מען דאַן זוכן אַן אנדער ווינקל, אַן אנדער שיס-אָרט, ווייל דער שונא ווייסט שוין אונזערע פאָזיציעס און צילט זיך גלייך אהין. אָט דאָס איז אויך געשען מיט אונזער רעזערוו

ביז מיר האָבן אויסגעפונען דאָס ריכטיקע שוץ-אָרט זענען אונזערע רייען געוואָרן שיטערער. שטייען מיר אזוי און וואַרטן אויף אונזער גורל_ אויפן באַפעל: „אַן אַוואַן!" (פאָרווערטס!).. איבער אונזערע קעפּ יאָגן זיך און פליען אַביסן: דזזז... בום-ם-ם.. דזזז... בום-ם-ם!! ביי יעדן שאָס בויגט מען זיך איין אין דרייען, אָדער מ'ציט זיך גאַר אויס ווי מ'איז לאַנג אויף דער ערד, אויסמעסטענדיק זי אין אַלע ריכטונגען. און ווען דער שאָס פעלט, איז מען שוין גאַר וואוילע אינגען און מ'טרייבט שפּאַס.. א ברירה האָט מען!..

מיר זענען געווען די איינציקע סעקציע וואָס איז פאַרבליבן אין רעזערוו פון דער גאַנצער קאָמפּאַני קוילנוואַרפער; די איבעריקע דריי סעק-ציעס מיט'ן קאַפּיטאַן בראש האָבן זיך געפונען אויף די ערשטע ליניעס פון דער אַטאַקע. שוין דריי טעג, אַז מיר האָבן פון זיי קיין ידיעה און ווייסן ניט וואָס מיט זיי איז געוואָרן. יעדע פאַרבינדונג מיט זיי אַלע איז איבערגעריסן. די פאַרוואונדעטע וואָס קערן זיך פון די ערשטע ליניעס אום קענען אונז אויך וועגן זיי גאָרניט זאָגן. בלייבט, מיטצונעמען די צוויי ס-ט-עטיענע וואָס זענען אונז געבליבן מיטן איבעריקן רומל און זיך אַוועקלאָזן זוכן די פאַרלוירענע סעקציעס מיט'ן קאַפּיטאַן: סיי-ווי-סיי לויערט אויף אונז דער טויט, איז שוין בעסער צו שטאַרבן אויף דער ערשטער ליניע. בעת מיר קלערן אזוי און זענען זיך מישב, קומען אָן דריי לייכטפאַרוואונדעטע „קאַרוויי-לייט" פון די פאַרלוירענע סעקציעס, שוואַרץ ווי די ערד, גלייך ווי זיי זאָלן האָבן ערשט אַרויסגעקראָכן פון א קוילן-מינע, מער טויט ווי לעבעדיק_ ניט אזוי פון די וואונדן ווי פון די שוידערליכע איבערלעבונגען וואָס זיי האָבן אין די דריי טעג מיטגעמאַכט.

— דער 9-טער מאי איז א קינדער-שפּיל אין פאַרגלייך מיט די אַטאַקעס פון די לעצטע פאַר טעג, רופט זיך אָן איינער פון די צוריק-

70642

געקומענע.

— איר מעגט זיך אלע גליקליך שעצן, וואס איר זענט נישט דארטן, רופט זיך אן דער צווייטער.

— פון די זיבן סאלדאטן וואס האבן זיך אוועקגעלאזט מיט די פעלד-פלעשער נאך וואסער זענען קוים דריי לעבעדיק צוריקגעקומען. אויב מיר וועלן נאך היינט זיי ניט ברענגען וואסער, וועלן זיי דארטן אלע אויסגיין פון דארשט. אויסער די היץ, די שווערע לופט און דער געשטאנק פון די הרוגים, שיקן נאך די דייטשן גאז-באמבעס וואס פארגיפטן צום איבעריקן. איינציקע פון דער 3-טער סעקציע זענען געבליבן פארשטיקט מיט די מאס-קעס זייערע אף די פנים'ער. פון די אלע דריי סעקציעס איז קוים גע-בליבן איין סעקציע מענטשן. פון די קוילנווארפער-מאשינען זענען אונדז פארבליבן נאר צוויי. מיר באנוצן זיך אויך מיט א דייטשן „מאקסים" וואס זיי האבן איבערגעלאזט, אבער אויך צו אים דארף מען האבן וואסער.

— זענען אלע איבעריקע פון אונדזער קאמפאניע טויט? פרעגן מיר.

— יא, טויט. מ'באריקאדירט מיט זיי די טראנשייעס. פארגעסט ניט, אז מיר געפינען זיך א וואסער'ע 20-30 מעטר פון די דייטשן. זיי ווארפן האנט-גראנאטן און גאז-באמבעס גלייך אין אונדזערע טראנשייעס.

— אבער צו וואס זאל מען באריקאדירן מיט די טויטע, פרעגט איינער נאאיוו.

— די טראנשייעס זענען ניט שטארק טיף און דערצו נאך זער שמאל, אזוי אז מ'מוז דארט שפאנען מיט א זייט, ווייל גלייך קאן מען נאך אפ-רייבן די זייטן: ווען מ'זאל נאך די טויטע איבערלאזן אין די טראנשייעס, וואלט שוין קיין ארט פאר די לעבעדיקע ניט געבליבן.

דערביי פארגייט שוין דער אפעטיט פון נייגעריקייט..

74
70643



אדיוטאַנט, וואָס איז מיט אונז פאַרבליבן ביז א ווייטערדיקן אָרדער, איז שטאַרק דערשלאָגן פון דעם גרוס און באַשליסט ניט צו שטופן דעם קאָפּ אין פייער אַריין: כל-זמן ער האָט אזא באַפעל פון'ם קאַפּיטאַן ניט געקריגן, איז ער ניט מחויב אַריינצוגיין. אזוי ווי אָבער ס'איז נויטיק צו ברענגען וואַסער די נאָך לעבעדיקע מענטשן און חיות ווי די דריי צוריקגעקערטע האָבן קיין חשק ניט אַליין זיך אומקערן אין דעם גיהנום, ווערט באַשלאָסן, אַז ווער עס וויל זאָל די דאָזיקע שליחות נעמען אויף זיך. ס'האָבן זיך באַלד געמאָלדן פינף פון אונז.

דער ווייקער איטאַליענער. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אונז פאַרזיכערט אַז ברענגען בשלום צו דעם אָרט פון דער „גאָלדענער האַל", ווי זיין עלטער-עלטער-זיידע האָט געפירט זיין עלטער-זיידן אין די שבעה מדורי-גיהנום, פון וואַנעט קיין נפש האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט.

דער צווייטער וואָס האָט זיך געמאָלדן איז געווען דער האָלענדער חעזאָף-אָדער פילאָזאָף- וואָס האָט שטענדיק געדרונגען, אַז וואָס גרעסער דער געפאַר איז אַלץ אינטערעסאַנטער איז דאָס לעבן און אַז דער טויט איז ניט מער ווי די פאָרזעצונג פון אונזער עקזיסטענץ; מיר גופא זענען ניט מער ווי גילגולים פון חיות און מאַרצייטיקע באַשעפענישן.

דער רומענישער איד, „מאָנפּאָטאָ". ער איז געווען דער לענג-סטער אין דער קאָמפּאַני און פלעג דעריבער שטענדיק זיין דער פאָן-טרעגער אין צייט פון שטילשטאַנד, מאַנעוור און פּאַראַד; ער איז אויך געווען ניט קיין קליינער ווייצלינג, געטריבן שפּאַס מיט יעדן באַזונדער, דערצו זער א בראַווער און קוראַזשירטער יונג.

דער שפּאַניער, וואָס פלעג ניט פאַרפעלן ביי יעדער קליינ-קייט צו שעלטן און זידלען גאָט, די הייליקע „האָסטיא" און אַלע הייליקע צוזאַמען. ער איז געווען א גרויסער שלים-מזל, שטענדיק האָט ער

75

70644

עפּעס פֿאַרלוירן. איינמאָל האָט ער פֿאַרלוירן אַ שיך אין אַ טיפֿער בלאָטע און אַזוי געטוזט איניקע קילאָמעטער טאָפּטשן די בלאָטע מיט איין שיך און אַ מויל פֿול מיט קללות. אַ צווייט מאָל האָט ער פֿאַרלוירן די ביקס און געקריגן אַ שטראָף, אַזוי האָט ער אויך פֿאַרלוירן די דריטע ביקס און אַ.וו.

די דריי צוריקגעקערטע האָבן מסכים געווען צו זיין אונזערע וועג-ווייזער. זיי האָבן מיט בטול אונדז אָנגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ, זעענדיק ווי מיר גרייטן זיך אַזוי ברייטלעך אין וועג אַריין, ווי איי-נער זאָגט: „וואַרט אַ ווײַלע, חברה, וועלן מיר זען, וואָס איר וועט שפּעטער זאָגן!”.. מיר האָבן זיך אַרומגעגאַרטלט און גענומען יעדער אויף זיך ~~ט/פּעלדפּלעשער~~ זעקס צווילינגדיקע פֿעלדפֿלעשער, אַבימל שפּייז אין די טאָרבעס און זיך געלאָזט מיט די טראַנשייעס אין וועג אַריין. דערווײַל איז שוין געוואָרן גרויסער טאָג, די זון האָט גענומען שטײַגן צום זעניט און אירע שטראַלן האָבן אונדז אָנגעהויבן צו בראָטן ווי צעגליטע פֿײַלן. די היץ, די לופֿט וואָס איז געווען פֿאַרפּעסטעט פֿון פּולווער, שטיקנדיקע גאַזן און צעלײַג-טע טויטע קערפּער, די משא וואָס איז אונדז שטאַרק שווער געוואָרן_ דאָס אַלץ האָט אונדז געגעבן צו פֿילן, אַז די אונטערנעמונג איז גאָר ניט קיין לײַכטע. אַ פּאָרהונדערט מעטער זענען מיר אַזוי אָפּגעגאַנגען אין די געדרייטע שמאָלע טראַנשייעס, וואָס די פֿאַרוואונדעטע, באַוועגליכע און אומבאַוועגליכע, האָבן פֿאַרשפּאַרט די דורכגענג און וואָס די נאָך ניט פֿאַר-קילטע טויטע, וועלכע מ'האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוואַרפֿן אויף די פּאַראַפּעטן פֿון די טראַנשייעס , האָבן זיך געוואַלגערט און געפּלאָנטערט אונטער די פֿיס. ווײַטער אַזוי האָבן מיר שוין ניט געקאָנט גיין. דאַן האָט דער שפּאַניער געעפֿנט זיין מויל און אָנגעהויבן שעלטן דעם הער גאָט און אַלע הייליקע צוזאַמען.

__דו וועסט האָבן איובֿ'ס סוף, האָט זיך דער רומענער מיט אים געריצט.

776

70645

— װאָס װעלן מיר זיך דאָ אַרומשלעפּן צװישן די טױטע קערפּער,
װי ד א נ ט ע  אין זײן 3-טן באַנד? לאָמיר פּרוּװן גײן מיט׳ן פֿרײען
פֿעלד — װאָס קאָן שױן זײן ערגער? — האָט אונדז געראָטן דער איטאַליענער.

הגם די דרײ צוריקגעקערטע סאָלדאַטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם
דאָזיקן פֿאָרשלאָג, איז ער דאָך באַלד אָנגענומען געװאָרן — און מיר האָבן
זיך אַװעקגעלאָזט מיט׳ן פֿרײען פֿעלד אין דער ריכטונג פֿון באַרג „140“,
װאָס האָט בלױז זיך געזען פֿון װײטנס. דאָס איז אָבער, װײזט אױס, ניט
געפֿעלן געװאָרן די דײטשן, װעלכע האָבן באַלד גענומען צו האָגלען אױף
אונדז מיט קוילן. האָבנדיק זיך אײנגעיִקשנט און געגאַנגען אונדזער װעג,
האָבן זײ גענומען אונדז צו באַשיטן מיט האַרמאַטן: דזזזז...בום....דזזז..
בום..ם..ם..ם... פֿאַר אונדז, נעבן אונדז, אונטער אונדז. —

— חברה! דאָס שיסט מען אױף אונדזער אַדרעס! — שױן בעסער צו
קריכן מיט די פֿיס אין די אָפֿענע גערערים פֿון די טױטע און שװער פֿאַר-
װאונדעטע, װי אַלײן צערײסן װערן פֿון אַ דײטשן 77-ער!

— איך בין געטראָפֿן! שרײט פּלוצלונג אױס דער שטאַניער.

מיר האָבן זיך מיט גרױסע שװעריקײטן דערשלאָגן צו אַ טראַנשײע
און גענומען באַטראַכטן דעם גליקליכן שטאַניער...

— נײ, דו שלים-מזל! ס׳איז דאָך גאָרניש, אַ שטיקל אױער אײנגאַנ
דערפֿאַר װעסטו דיך ניט עװאַקויִרן — רײצט זיך מיט אים דער רוטענער —
קום מיט אונדז און לאָז די הײליקע אָביטעל צורו.

בעת מיר דראַפּן זיך אַזױ און קריכן איבער די טױטע און פֿאַרװאונ-
דעטע דערזעען מיר מיט אַמאָל פֿאַר אונדז אַ װאַנט — אַ צונױפֿמיש פֿון מענטש-
ליכע קערפּער, שטיקער ערד, מלבושים און געװער — און דערפֿילן אַ שטאַרקן
גערוך פֿון פּולװער.. װײטער צו גײן איז אוממעגלעך. אַ פּאָר פֿאַרװאונדעטע
קוקן אונדז אָן מיט מיטלײד און װאָרענען אונדז ניט צו גײן װײטער: ס׳איז
דאָך אַ שרעק! מיר קריכן װײטער און מיט אַמאָל — באַם!!  אַ כּלי, װי אַ מענטש

די גרוים, פאלט אראפ בײ אונזערע פיס און ציט זיך אויס אין זײן גאנצער לענג אין די טראנשײעס. צום גליק, האט ער זיך ניט אויפגערוסן.

— איך האב אײך דאך געזאגט, אז מ׳האט מיך געטובלט אין סטיקס, האט דער איטאליענער אפילו דאן ניט אויפגעהערט זיך צו װיצלען. — גיב אכטונג אויף דעם קנאבן, בײ װעלכן מ׳האט דיך געהאלטן: ס׳איז ניט אויסגעשלאפן... הקירה׳ט דער האלענדער...

— הערט אויף מיט אײערע חכמות — מיר ברענט דער אויער און כ׳האב קײן באנדאזש ניט.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט, כדי צו באנדאזשירן דעם בלוטנדן אויער פון שפאניער, איבערגעבאפט און איבערגעלײגט אביסעל די פארקלעמטע הערצער און געגאנגען װײטער. צוקוקנדיק צו אײנער פון די פארלאזענע דײטשע טראנשײעס, האבן מיר דערזען אזא בילד: א דײטשער סאלדאט שטײט, דער קאפ מיט בײדע הענט אונטערגעשפארט און אנגעלענט אויף דעם פארא- פעט פון דער טראנשײע, גלײך ער שלאפט; אין רוקן בײ אים שטעקט ביז העכער די העלפט א פראנצויזישער באיאנעט מיטן לעבעל אראפגעהאנגן ביז צו דר׳ערד. אביסעל װײטער קניט א פראנצויזישער סאלדאט מיטן פנים, פארשװאלן און בלוי װי א טילך, צום דײטש געריכטעט; בײ אים אין זײן אונטערשטן טײל האט געשטעקט א דײטשער באיאנעט און נעבן אים האט זיך געװאלגערט א גאנצער ארעם מיטן ארבעל פון א דײטשן מונדיר. אײניקע טריט װײטער שטעקן צװײ פיס ארויס אין דער לופט; דער איבעריקער טײל קערפער ביז איבער׳ן גארטעל איז פארשיט און פארשטעקט אין דער ערד.

מיר גײען װײטער און דערזעען אן אנדער בילד: צװײ סאלדאטן — א דײטש און א פראנצויז — שטײען האלט אײנער נעבן צװײטן, פנים אל פנים; ס׳האט אויסגעזען, װי זײ מודי׳ן זיך און שמועסן צוזאמען. איך בויך פון דײטש שטעקט א פראנצויזישער באיאנעט ביז צום רער פון געװער

78 70647



און די ברוסט פונ'ם פראַנצויז איז צעשניטן מיט צוויי-שאַרפיקן ~~מעק~~ מעסער פונם דייטש.

— דאָס איז פאַר ליבשאַפט, באַמערקט דער רומענער און טרעט דערוויל אַריין אין אָפענעם בויך פון א צעלעגטן קערפּער. — פוי, טײַפעל! שפּײַט ער אויס מיט עקל.

צו שמירן

— ס'מאַכט ניט, רופט זיך אָן איינער, דו וועסט פאַרשפּאָרן דײַנע שיך מיט פעטס; ~~אַע~~ זיי וועלן שוין זײַן גענוג ווייך אזוי...

— פאַלט ניט, שלים-מזל, האַלט אונטער דער איטאַליענער דעם פאַר-באַנדאַזשירטן שפּאַניער, גיב אַכטונג וואו די גייסט...

צוויי קערפּער זענען געליגן איינער נעבן צווייטן אויף דער ערד און זיך געהאַלטן פאַר די העלדזער...

— מאַטש-נזל! ניט אזוי, טאָנפּאָטאָ? רופט זיך ווידער אָן דער וויצ-לינג, בעת מיר באַטראַכטן אויפמערקזאַם די אויסגעשטעקטע בלויע צינגער און גרויסע גלעזערנע אויגן...

צוקומענדיק צו א קרייצוועג, וואו צווייגן פון גראַבנס האָבן זיך גע-צויגן פון אַלע זײַטן, האָבן מיר דערזעעוליגן אויסגעצויגן אין זײַן

לענג

גאַנצער [illegible] א גרויסן פאַרשוואַלענעם קערפּער אָנגעטאָן אין א שפּאָגל-נײַעם מונדיר, אויף די אַרבעל פון וועלכן ס'האָבן געבלישטשעט 4 גאָלדענע פּאַסעקלעך.

— מײַן קאָמענדאַנט", זאָגט דער רומענער און ציט זיך אויס מילי-טעריש מיט דער האַנט צום דאַשעק, „איך מעלד געהאָרכזאַם, אז מיר אַכט גבורים האָבן אײַנגענומען א גרויסע שטרעקע מיט טראַנשייעס איבער-געפולט פון טויטע קערפּער וואָס פאַרפּעסטן די לופט. זײַט אזוי העפליך און מאַכט אונדז פּלאַץ פאַרטצוזעצן אונזער מאַרשרוט."

— איצט איז אים אַלץ איינס, באַמערקט דער פילאָזאָף, יעדער אײַ-

מוז מיטמאַכן דעם טויטן-טאַנץ, אָן אויסנאַם.

װאָס פאַר מענטשמענטשן אין טויטן דרינען! די צייט שטייט נישט! רופט זיך אָן דער שפּאַניער און נעמט זיך שעלטן, װי זיין שטייגער.

צוקומענדיק צו א ו װ ר א ז ט_ ב ל א נ ק, האָט א געדיכט פינ-סטערניש אונדז ארומגערינגלט און מיר האָבן זיך געפונען פאַר א גרויסן פינצטערן מויל פון א טונעל. דאָ זענען געלעגן הויפנס טויטע און פאַרװאונדעטע סאָלדאַטן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט דער שרעקלעכער מויל פונעם מאָנסטער-טונעל די מענטשן אַרויסגעשפּיגן._איניקע פאַרװאונ-דעטע האָבן גענומען זיך בעטן ביי אונדז מיר זאָלן זיי ראַטעװען.. „טרינקן,"
דערזעענדיק אונזערע בידאָנעס
„האָט רחמנות און גיט אונדז טרינקען", האָבן אַנדערע געשריגן. ס'איז אוממעגלעך געװען דורכצוגיין. האָבן מיר זיך איינגעבויגן און אַזוי גיי-ענדיק דערלאַנגט צו צייטלעך װאַסער גענוג בלויז די ליפּן פון די פאַר-װאונדעטע צו באַנעצן, כדי מיר זאָלן קענען דורכגיין דעם גיהנום.

_ מ'מוז שייער באַפאַלן, װען מ'װיל לעבעדיק זיך דורכשיפּן דעם א כ ע ק ט ן, רופט זיך אָן דער איטאַליענער.

ס'לאָזט אונדז אָבער ניט אָפּ, און װאָס מער מיר גיבן װאַסער, אַלץ מער פאַרלאַנגט מען: „װאַסער!" „טרינקען!", „טרינקען!" „װאַסער!" איני-קע, װאָס קענען שוין ניט ריידן, בעטן זיך מיט די אויגן, מאַכן מיט די ליפּן און דרייען מיט די קעפּ_ א גרויל!

_ א ר י א נ ע, שיינע בישוף-מאַכעריין, װיקעל אויף דעם שנור פון האָפענונג אין דעם פינצטערן לאַבירינט. לאָז אונדז דאָ נישט אומ-קומען. איך שװער ביי צעאוס'ן און קריסטוס'ן, אַז איך װעל דיך שוין ניט מער פאַרלאָזן," האָט דער איטאַליענער אויסגעשריגן מיט מער ערנסט װי שפּאַס, און קניענדיק פאַרלעגט די הענט, פאַרגלאָצט די אויגן װי צו א געבעט.

— בהמות! וואס האט איר זיך דא אלע צעלעגט; מיר וועלן דאך באלד קיין וואסער אין אונזערע פלעשער ניט האבן, — וואס וועט איר ברענגען אונזערע דארטן! האט זיך צעשריגן דער שפאניער.

ווי אפגעבריטע, זענען מיר אויפגעשפרונגען און געלאזט זיך ווייטער. איינער פון די פארוואונדעטע, וועלכער האט זיך מיט זיינע ציין געהאט איינגעריסן אין׳ם מלבוש פון איינעם פון אונזערע נאך דעם ווי ר׳האט זיך ביי אים אנגעטרונקן, האט זיך אזוי נאך אים נאכגעשלעפט. „כ׳קאן אזוי ווייטער ניט גיין", האט יענער געשריגן. ווען ס׳האט זיך גענומען באפרייען דעם „געפאנגענעם" פון די ציין פונם פארוואונדעטן, איז שוין דער לעצטער געווען טויט, די אויגן ברייט צעעפנט מיט א ווילדן קוק. ס׳איז אויסגעקומען אפצושניידן דאס שטיק שטאף, וואס איז פארקלעמט געווען צווישן די ציין פונם טויטן, כדי זיך פון דעם עקשן צו באפרייען. מיר האבן געהאלטן אין איין רייבן שוועבעלעך, ווייל אין דער פינצטערניש פון טונעל האבן מיר אלץ געשטרויכלט און געפאלן איינער אויפ׳ן צווייטן. דער טונעל איז געווען פול מיט פוילנדיקע טויטע קערפער, מיר האבן אבער שוין מער דערויף קיין אכטונג ניט געלעגט און זענען געלאפן ווי פארפאלגטע, כדי וואס גיכער אנקומען, איידער ס׳וועט טאג ווערן.

ווען מיר זענען ענדליך ארויסגעקומען פונ׳ם גרויזאמען טונעל, זענען מיר געווען געצוואונגען זיך פארקערן אויף רעכטס, ווייל די דייטשן האבן זיך שוין געפונען קעגניבער דעם טונעל.. וואס איז נאך ערגער געווען פון די פארוואונדעטע. א פאר קאמפאניס רעגולערע פראנצויזישע סאלדאטן האבן אויסגעפולט די טראנשייעס, באוואפנט פון קאפ ביז פיס; דערשראקן, בלייך ווי דער טויט, האבן זיי געקוקט, צעטומלטע, מיט א האלב אויג און געווארט. מיט אמאל האט זיך באוויזן א שווארץ גלח-קלייד באגלייט פון צוויי ברענענדיקע אויגן, מיט א שוים אויף די ליפן; אין דער רעכטער האנט האט דער גלח געהאלטן א גרויסן צלם

81

70650

און מיט א הייזעריק קול, גאר ניט קיין מענטשליכעם, האט ער זיך גע-נומען שרייען:

— פארווערטס! פוילענצער, טויגניכטן, פארווערטס! פארוואס רורט איר זיך ניט!

די סאלדאטן, נאך מער איבערגעשראקענע, האבן זיך געטולעט און געדריקט איינער אינעם צווייטן, ווי די שאף, ווען זיי ווערן פון א שונא געדראפט...

— פאוויס, זאג איך, און דאס אביסל ניכערן — וואו איז דער קאפיטאן", צעשרייט ער זיך ענדליך, ווילד פאר כעס, ווען ער זעט, אז קיינער וויל זיך פון ארט ניט רירן, „וואו איז ער, פרעג איך אייך! ער וועט אייך שוין ווייזן, פוילענצער און גארנישט, וואס איר האט די ווערט" — אבער קיינער האט קיין פיפס ניט געטאן. דער קאפיטאן, ווייזט אויס, האט אויך געפונען פאר נויטיקער זיך אין א שוץ-גריב צו באהאלטן, איידער אויפצובלאזן די העלדישע געפילן פון די סאלדאטן אין א מאמענט, ווען דער טויט איז געהאנגען איבער אלעמענס קאפ... מיט גרויסע שוועריקייטן האט זיך אונז, סוף-כל-סוף, איינגעגעבן זיך מאכן א וועג צווישן די טראנשייען, דאס מאל אנגעפולט שוין מיט לעבעדיקע סאלדאטן, כדי זיך דורכשלאגן צו אונזעריקע. פון ווייטנס האט זיך נאך אלץ געהערט די הייזעריקע, טייוולאנישע שטימע פון גלח אויסגע-מישט מיט די גסיסה-געשרייען פון די שטארבנדיקע...

ווען מיר זענען אנגעקומען צו דער טראנשייע, וואו אונזערע האבן זיך געפונען, איז שוין די זון געווען פארגאנגען. דער ערשטער, וועלכער האט אויס נייגעריקייט ארויסגעשטעקט זיין קאפ — דאס איז געווען דער רוטענער — האט געקריגן א קויל גלייך אין שטערן אריין און איז געפאלן א טויטער. ס'האט אים באלד ארויסגעווארפן אויפ'ן פאראפעט. צוויי זענען פארוואונדעט געווארן פון א גראנאט, צוויי אנדערע זענען

82

70651

## ביינער

געטראָפן געוואָרן פון שטיקער פלייש און בלוט פונ'ם רומענער און פון אנדערע פגרים וואָס האָבן געדינט אלס באריקאדעס אין די טראַנ־שייעס און וואָס די גרענאטן, באמבעס און אנדערע משחיתים האָבן גע־האלטן אין איין רייסן, וואַרפענדיק זייערע שטיקער אויף די לעבעדיקע און פארשפריצענדיק זייערע פנים'ער מיט בלוט.

בעת מיר האָבן זיך געטולעט און געדרוקט איינער צום צווייטן אוים מורא פאר א נייעם גרענאט, דערהערן מיר אין דעם בין־השמשות וואָס האָט פארטונקעלט דעם האָריזאָנט א גראָב קויל וואָס באפעלט: „פאָר־ווערטס.. לויפן... אטאקירן... וואָס טוט איר דאָ, טויגנישטן, וואָס ליגט איר גאָר... שמוציקע הינט וואָס איר זענט... פאָרויס, א ט א־ק י ר ן!! אָ נ ג ר ײ פ ן!!

דורך די שיס־לעכער אין דער טראנשייע האָט מען געקאָנט זען
בלויזער
א דייטשן אָפיציר, וועלכער האָט געפאָכעט מיט זיין שווערד איבער די קעפ פון די סאָלדאטן, בעת ער האָט אין דער צווייטער האנט געהאלטן א רעוואָלווער און מיט אים געדראָט די זעלבע צעשראָקענע און צעטומעל־טע סאָלדאטן... ער האָט זיך ווידער צעשריגן: „פאָרויס! פארפלוכטע הינט". מער האָט ער אָבער שוין ניט געקאָנט זאָגן: אונזערע א קויל האָט אים פארשטיכט אויף אייביק; מיט פיל אנדערע איז ער אני־דער־געפאלן קוים עטליכע מעטער פון אונזער טראנשייע...

און די גאנצע נאכט ביז'ן ווייסן טאָג אריין האָבן מיר געהאלטן אין איין שיסן דורך די שיס־לעכער. די רערן פון די ביקסן זענען רויט געוואָרן, אָבער מיר האָבן ניט אויפגעהערט. אזן אין אונדזערע אויערן האָט נאָך אלץ געקלונגען דעם אָפיציר'ס קול: „פארשאָלטענע קאנאליעס! פאָרויס!".. ווי אויך דאָס קול פון גלח אין שווארצן מלבוש, דער צלם אין דער לופטן: „ פאָרויס! טויגנישטן, פוילענצער, פארויס!"

.........................................

שוין פינף מעת-לעת, ווי די קאָמפּאַני קוילנוואַרפער געפינט זיך אין צפון פון א ר ר א ס ארומגערינגלט פון די דייטשן.—

אונזער אינפאנטעריע האָט מיט א געוואַלדיקן שנעלן אימפעט ארויסגעיאָגט די דייטשן פון זייערע אלע שוץ-גראָבנס, פארפאָלגנדיק זיי אויפן פרייען פעלד צו דער ריכטונג פון ל א נ ס. א העפטיקער ארטילעריע-פייער וואָס איז געקומען פון א נאָנטער דיסטאַנץ האָט אבער באלד אפגעשטעלט די אטאקע פון דער אינפאנטעריע און געמאכט אוממעגליך פאר איר ניט נאָר צו גיין ווייטער אין דער ריכטונג, נאָר אפילו איינצוהאלטן די פריער דעראָבערטע פאָזיציעס, וואָס האָט אפגעקאָסט ניט ווייניק קרבנות. דער ריקצוג איז פאָרגעקומען מיט א ניט קלענערן אימפעט און די אינפאנטעריע האָט אפגערייניקט די פאַרנומענע ערטער, בעת ס'איז אונטערגעקומען די קאָמפאַניע קוילנוואַרפער, וועלכע האָט פארנומען די פאָזיציע פונ'ם בערגעל אין צפון פון ארראס און זיך גענומען שניידן מיט איר מאשינען-געווער אויף רעכטס און אויף לינקס, אפשלאָגנדיק אזוי ארום די אלע קאָנטער-אטאקעס וואָס זענען געמאכט געוואָרן אין די לעצטע פינף מעת-לעת.

אזוי האָט פאסירט, אז די דייטשן, וועלכע האָבן אפגעשטויסן אונזער אינפאנטעריע אויף ביידע פלאַנגען פון דעם בערגעל, האָבן ארומגערינגלט די פאָזיציע מיט דער קאָמפאַניע קוילנוואַרפער אין דער פאָרם פון א פערד-אייזן (פּאָדקאָווע), ביי די פאָלוסן פון וועלכן זיי האָבן ארויסגעשטעלט געווער-מאשינען און אפגעשניטן דעם איינציקן שמאָלן דורכגאַנג וואָס איז נאָך פארבליבן. ניט גענוג וואָס מיט דעם האָבן זיי צעשטערט יעדע פארבינדונג און קאָנטאַקט פון דער קאָמפאַניע מיט די איבעריקע טראַנשייעס און רעזערוון, האָבן זיי נאָך געשאָסן אין רוקן פון די איינגעעקשנ'טע וואָס האָבן ניט געוואָלט ארויסלאָזן דעם ביקס פון מויל.

איז אויסגעקומען, אז די וואס האבן זיך געפונען אין דער דא-
זיקער טראנשייע אויף א שטרעקע פון א קילאמעטער ארום דעם היגעל זע-
נען פאקטיש געווען צווישן צוויי פייערן.

צוזאמען מיט דער קאמפאניע קוילנווארפער איז געבליבן אין
דעם קלעם די שיסער-קאמפאניע „57", וואס האט פארלוירן אלע אירע
אפיצירן און אונטער-אפיצירן און, בלייבנדיק כמעט בלא רועה, אויס
געפאלגט די באפעלן פונם קאפיטאן פון דער קוילנווארפער-קאמפאניע.
דער קאפיטאן איז די גאנצע צייט געלעגן אין א טיפן לאך פון א דייטשן
שוץ-גראבן און געווארט ביז אלע וועלן זיין טויט אדער מ'וועט געצוואונגען
זיין זיך איבערגעבן די דייטשן,- אויף וואס די לעצטע האבן די גאנצע
צייט ארויסגעקוקט.

זייענדיק ארומגערינגלט און אפגעשניטן פון די איבעריקע פראנ-
צויזישע סעקציעס, האבן מיר ניט ~~[illegible]~~ באקומען קיין עסן און וואס
איז נאך ערגער - קיין טרינקען. דערפאר האבן מיר באקומען דייטשע גרא-
נאטן, גאז-באמבעס און טראנשייע-מארטירן וואס האבן אנגעמאכט א חורבן
אין דער מאנשאפט, צעבראכן די געווער-מאשינען און צעשטערט די שוץ-
גראבנס אזוי, אז ס'איז באלד ניט געווען וואו זיך אויסצובאהאלטן.
מיר האבן דאן מיט די טויטע באריקאדירט די פארמעטן פון די טראנ-
שייעס, כדי זיך צו פארדעקן אביסעל פון דעם פייערדיקן האגעל. די
גראנאטן האבן זיך אבער דערפון גארניט געמאכט און, פאלנדיק אויף
די טויטע, האבן זיי זיי שטיקערווייז צעטראגן און געווארפן אין די
פנים'ער פון די לעבעדיקע. ביז ס'איז אונדז נמאס געווארן זיך מיט
די טויטע צו שיצן און מיר האבן באשלאסן מיט זיי זיך צו'חבר'ן
אין די גריבער, אזוי אז דער עיפוש פון די צעריסענע און פוילנדי-
קע קערפער האט פארגיפטעט די לופט און פארשלאגן די חושים פון
די נאך לעבעדיקע.

דעם צווייטן טאג האבן די גראנאטן אויפגעריסן אונזערע צוויי קוילנוואַרפער „סענט-עטיען" און פארשיט 8 מענטשן וואס זענען דאָ געשטאַנען. געבליבן זענען נאָך פיר אויף דעם גאַנצן שטח צו באַשיצן די טראַנשייען. אמת, אין די טראַנשייען האבן זיך נאָך געפונען א פּאָר געווער-מאַשינען וואס די דייטשן האבן איילענדיק איבערגעלאָזט, אָבער די מאַשינען זענען געווען „מאַקסים'ס", צו וועלכע ס'איז נויטיק געווען וואַסער (דאָס וואַסער האט מען געדאַרפט אַריינגיסן אין רעזערוואואַר פון קאַנאָן-רער; אַנדערש איז געווען א געפאַר, אז דער רער זאָל פּלאַצן און צעשיידיקן א פּאָר פון די אָנוועזנדע), אָבער אַזוי ווי קיין וואַסער האָבן מיר ניט געהאַט, האט מען זיך מיט זיי ניט געקאָנט באַנוצן.

דעם ~~אַכטן~~ דריטן טאָג זענען צעשמעטערט געוואָרן ווידער 2 „סענט-עטיענען" און איינער איז צעשיידיגט געוואָרן. פון דער מאַנשאַפט איז געבליבן קוים א פערטעל, גאָר אַזוי ווי ס'איז געבליבן ניט מער ווי איין קוילענוואַרפער, זענען מענטשן געווען גענוג. דער קאַפּיטאַן איז ניט אַרויסגעטרעטן די גאַנצע צייט פון זיין לאָך, וואו ער האט זיך פאַרשטעקט; אויסגעזען האט ער ווי א קוילן-מיינער, ניט ווי א מלחמה-העלד. אַזוי ווי ס'איז געבליבן איין-איינציקער ציטערנדיקער „סענט-עטיען", האט מען זיך געמוזט איבערבעטן מיט די דייטשע „מאַקסים'ס". דאָס איז אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען: איניקע האבן שוין אָנגעהויבן צו זשאַווערן פונם ליגן א פּאָר טעג אָן אַרבעט, אַנדערע זענען געווען פאַרשיט פון ערד וואס די גראַנאַטן האבן אויף זיי אָנגעוואָרפן. מיט גרוים מי האט זיך אונז איינגעגעבן צו שטעלן אין באַוועגונג צוויי „מאַקסים'ס" — שוין אָן וואַסער, א ברירה האט מען געהאַט? — אָבער דאָס גליק האט אויך ניט לאַנג געדויערט.

דעם פערטן טאָג האבן די דייטשע גראַנאַטן ליקווידירט אויך די „מאַקסים'ס" צוזאַמען מיט די פּאָר סאָלדאַטן וואס האבן מיט זיי געאַרבעט.

געבליבן זענען עטליכע סאָלדאַטן מיט דער לעצטער געווער-מאַשין מיט דעם „מענט-עסיען"— וואָס האָבן איינגעהאַלטן די פּאָזיציע און אָפּגעשלאָגן אַלע פּרוּוון און אַטאַקעס פון די דייטשן וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פונעם טאָג.

דעם פינפטן טאָג איז דער עיפּוש פון די טויטע געוואָרן אומפאַר-טרעגליך, ס'האָט ממש פאַרשלאָגן דעם אָטעם און אָפּגענומען דעם אַפּעטיט פון עסן און טרינקען. א פּאָר פאַרוואונדעטע, וועלכע זענען נאָך ניט אויסגעגאַנגען פונ'ם געשטאַנק און פאַרסמטער לופט, האָבן זיך בײַ אונדז געבעטן זיי צו ראַטעווען, זיי געבן אַמאָל וואַסער זיך די נשמה צו דערקוויקן... ענדליך, האָבן די פּאָר סאָלדאַטן פון דער שיסער-קאָמ-פּאַניע נומ' 57 גענומען „רעוואָלטירן" און געפאָדערט איינס פון די ביידע: אָדער זיך איבערגעבן צו די דייטשן, אָדער פּרוּוון אין דער שטיל צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע. דערווײַל איז די לעצטע פאַרטיידיגונג אויך אונטערגעגאַנגען : דער „מענט-עסיען" האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. האָט מען גענומען זיך רוקן אויף די בײַכער צום איינציקן אַרויסגאַנג, כדי אַנטרונען צו ווערן פון דעם גיהנום...

איינער פון דער קאָמפּאַניע שיסער האָט ניט אויסגעהאַלטן, אַרויס-געקראָכן אויפ'ן פּאַראַפּעט און גענומען ניסטערן צווישן די טויטע. ער איז באַלד אַראָפּ מיט אַ פינגער פון אַ טויטן, אויף וועלכן ס'איז גע-ווען אַ גאָלדן טרויאַטס-פינגערל, און מיט אַ זילבערנעם זייגער און דג. אַ צווייטער האָט זיך אין אים מקנא געווען און אויך אַרויסגעקראָכן: באַלד האָט זיך דערהערט אַ פּײַטש פון אַ קויל און ער איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. דער פאַל האָט אונדז געצוואונגען זיך אַרומצוקוקן, און מיר האָבן דערזען אַרום אונדז אַ פעלד מיט טויטע ביז'ן האָריזאָנט. צווישן די אומבאַוועגלעכע ליגנדיקע טויטע דערזען מיר מיט אַמאָל ווי אַ קאָפּ הייבט זיך אויף, טוט זיך אַ דריי און פאַלט ווידער צוריק. אין אַ טאָ-

מענט ארום האָט זיך דער קאָפּ ווידער אַמאָל אויפֿגעהויבן; דאָס מאָל האָט מען שוין דײַטלעך געקאָנט זען צוויי ווילדע גרויסע אויגן אַרויס-טאַרטשן פֿון א שוואַרצן קאָפּ פֿאַרזוימט מיט א שוואַרץ בערדל. פֿון די אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט א אוממענטשלעך לײדן, וואָס האָט געוועקט א ביטערן רחמנות. באַלד האָט אָבער גענומען האַגלען מיט פֿײַער, מיר האָבן געמוזט באַהאַלטן די קעפּ און זיך צואײַלן פֿאַרלאָזן דאָס אָרט. ביז מיר זענען פֿאַרקראָכן צום אַרויסגאַנג זענען שוין געליגן א היבש ביסל טויטע. א פּאָר פֿאַרוואונדעטע האָבן אונדז געוואָרנט ניט דורכגײן די עפֿנונג, ווײַל די דײַטשן שיסן פֿון די קוילנוואַרפֿער זער נידריק — און די אַלע טויטע זענען אַזוי אומגעקומען. האָבן מיר גענומען פֿאַרזיכטיק צונויפֿשאַרן די טויטע אויף בײדע זײַטן און זיך אַזוי פּאַמעלעך [illegible] דורכ׳געגנבֿט דאָס געפֿערליכע אָרט.

ווען מיר האָבן אָנגעטראָפֿן אויף דײַטשע טראַנשײעס מיט ספּע-ציעלע שוץ-גראָבענס קעגן באָמבאַרדירונג, האָבן מיר אַביסעל אויפֿ-געלעבט. אין אײנעם פֿון אַזאַ גראָבען האָבן מיר דערזען אַזאַ בילד: פֿון א בערגעל אָנגעוואָרפֿענע אײנער אויפֿ׳ן צווײטן דײַטשע טויטע שטעקט א קאָפּ פֿון א זיצענדיקן; דאָס פּנים איז בלוי ווי א מילץ, די אויגן מורא׳דיק ווילד, די צונג אַרויסגעשטעקט און א שוים רינט פֿונ׳ם אָפֿענעם מויל. דער קאָפּ דרייט זיך אַהין און אַהער, ווי אַן אָטאָמאַט.

— ער לעבט נאָך! — רופֿט זיך אָפּ אײנער שטאַרק דערשטוינט.

— פֿינף מעת-לעת [illegible] אין אַזאַ צושטאַנד... פֿינף מעת-לעת אַלײן צווישן דעם באַרג טויטע מיט דער האָפֿנונג צו דערזען א לעבעדיקן...

88

70657

טייערער פריינט,

איך וויל דיר איצט אין א געדיכט איבערגעבן דאס בילד וואס כ'האב געזען און וואס וויל גארניט פארשווינדן פון מיינע אויגן:

אויף איינעם פון די ערשט פארלאזענע פעלדער,
צווישן די לאגערס פארביסענע שונאים,
דארט זענען פגרים געליגן צעווארפן
צווישן די סנאפעס וואס מוזן פארזאמען
צייטיק צו ווערן געבראכט אין די שפייכלער:
קענטיק, קיין צייט נית געווען זיי אפראמען.
דארט האבן זיך ג'וואלגערט סקעלעטן פון מענטשן;
סקעלעטן פון מענטשן און פערד ווי די'געשניטענע גארבן
ליגן צעווארפן אין פעלד דא און דארט און זיי דארבן
צווישן די צווייגן צעפליקט פון די דערבייאיקע ביימער,
וואס שטייען נאך דארטן פון דער צייט פון די רוימער...
אהער האט זיי פארטראגן די מאכט פון הארמאטן,
דער שרעקלעכער פייער פון פלינקע טראמפעלן,
וואס רייסט אויס אויך ביימער מיטן ווארצל צוזאמען
און ברענגט גאנצע דערפער און שטעט אום אין פלאמען.

. . .

אין צווישן די אלע צעבראכענע לעבנס,
וואס האבן געוואלגערט זיך איבער די פעלדער,
איבער די חורבות פון שטעט און פון וועלדער,
האט זיך א שרעקלעכעס בילד אפגעשפיגלט__
דער טויט האט אויף אייביק דאס אויך שוין פארזיגלט...

89

70658

אויף איינעם פון פיל שוין פארלאָזענע גארבן
וואָס האָבן אין חופּענס געוואלגערט זיך ערגעץ
א ווייסע און פרידליכע פאָן האָט געפלאטערט
אויף א שפּיז פון א קריגער; זי צוגעבונדן,
געווייקט אינ״ם בלוט פון זיינע שרעקליכע וואונדן,
האָט איינער, וואָס האָט זיך געשלענגלט, געבויגן,
געבעטן א הילף מיט בלוט אין די אויגן,
די שטארבנדע הענט צום הימעל געשטרעקט,
געפאָכט מיט דעם פענדל, מיט בלוט שוין באפלעקט,
דערביי קוים געמורמעלט א תפילה א שטילע
פון א שוואכער, ווי־שלוכצענדער, באהאלטענער קעל...
דערמאָנט
ער האָט ענדליך זיין פרוי און די קינדער,
זיין אלטינקע מוטער, וואָס גארט אים צו זען—
דעם שמערץ פון דער וואונד זיי מאכן אים לינדער,
זיי העלפן אים אונטער א ביסל צו גיין...

. .
.

נאָר שטאר און פארמאטערט, מאכטלאָז פון וויטיק,
געבאָדן אין אייגענעם בלוט פון זיין הארצן,
געפאלן צוריק איז דער מאן אויפ׳ן בערגעל,
געפאלן מיט די לעצטע געשרייען פון שמארצן...
דאָך זענען געדאנקען ווי כוואליעס געקומען,
געבליצט אין זיין מוח און ווידער פארשוואומען;
פרישע געדאנקען ער הויבט אָן צו וועבן,
פעסט האָט באשלאָסן זיין ווילן צו לעבן,
וועט בעטן די רעטונג פון אלע פיר זייטן,

3)　90　70659

אפשר וועט איינער דערזען פון דער ווייטן
דאָס ווייסינקע מענדל, וואָס שטעקט אין די גארבן,
און קומען צו הילף, נישט לאָזן אים שטארבן...

. .

.

עס האָבן געקוקט דורך פעלד-גלעזער גרויסע
פון לאגער די ביז-קאלטע קריגער-גזלנים:
פון אלע צוויי זייטן געקוקט האָבן קריגער,
זיינע אייגענע פריינט און די געגנער, די שונאים,
אויף זיין לעצטע אגאָניע, די בלוטיקע שטראָמען,
וואָס פליסן אזוי ווי א קוואל אָן א אויפהער_
און רעטן אים האָט מען געדארפט ניט פארזאָמען!_
דאָך איז נישט געקומען קיין איינער צו רעטן,
דעם וואונטש זיינעם, דעם לעצטן אפילו צו זעטן:
שטארבן צווישן פריינט און באקאנטע,
ליגן אין קבר צווישן חברים-פארוואנדטע...

....................................
זיי האָבן געקוקט, געקוקט און געזען,
געקוקט און געזען און געלאָזט אים אויסגיין!...

. .

.

און איצט ליגט א פגר פון ראָבן צעפרעסן,
צעפליקט און צעבראָקעלט, אויף שטיקער צעריסן
פון שרצים און חיות און אלערליי פייגל,
וואָס צעטראָגן זיין פלייש האָבן אין שנאָבל און נעגל.
און ווער וועט גאָר זאָגן אויפ'ן ביסעלע ביינער,
אז דאָס איז טאקע געווען דער איינער,

וואס אקארשט געלעבט האט, זיך ג'ראנגעלט, געבעטן
פון שרעקליכע ליידן אים קומען צו רעטן,—
ווען ניסט דאס פענדל, דאס ווייסע, וואס פלאטערט,
דערציילט, אז א מענטש איז געווארן פארמאטערט,
ביטער געליטן, געקעמפט מיט די ליידן
און... מיט'ן לעבן געמוזט זיך צעשיידן!..

אויסער דעם, ליגן נאך צווישן ביידע לאגערן א 50 טויטע פגרים און פוילן, און קיינער קומט זיי ניט אראפנעמען פון פעלד: מיר ווארטן די גאנצע נאכט און היטן, אז די דייטשן זאלן ניט צוקומען צו אונ־זערע טויטע, זיי טוען דאסגלייכן; אזוי וואכט מען און מ'ווארט, ביז די פעסט וועט קומען זיך אנצונעמען פאר דעם אומרעכט וואס ווערט בא־גאנגען צו די געפאלענע...

......שוין עטליכע טעג, ווי כ'האב דיר דאס אויבנגעזאגטע אנ־געשריבן. פאר דער צייט איז פארגעקומען א שלאכט.— מעג איך מיר פאר־ [וואס מיר פארשאפן] גינען צו געניסן דאס גרויסע פאעטישע פארגניגן די פרעכטיק-גרוי־זאמע, איבערמענטשליך-פאנטאסטישע שלאכט-בילדער, וואס ביטן זיך און שווינדלען פאר מיינע אויגן. אלץ זעט אויס, ווי ס'וואלט פארקומען ניט אין אונזער ציטרעכנונג און ניט אויף אונזער ערד-קוגעל, גלייך ווי ס'זאל זיין ניט מער ווי א אפשפיגלונג פון ווייטע וועלטן, א פאנטאסמא־גאריע — — — — — —

וואס זאל איך פרובירן באשרייבן?— קען דען דער געניאלסטער מאלער אדער דער גרעסטער קאמפאזיטאר ריכטיק איבערגעבן מיט זיין פענזל אדער מיט שפיל-אינסטרומענטן אין איין קאמפאזיציע און גלייכ־צייטיק דעם זונען-אויפגאנג, דעם פארבן-שפיל פונעם רעגנבויגן, די פארשידענע קלאנגען פון זעבעלן-געפעך, קוילנווארפער-דועל, הארמאטן־

קנאלערײ, קזילן-פײפערײ און די שטילע קוים הערבארע זיפצן און
שלוכצן פון די אויסגעהויכטע נשמות...................

..........ס'איז שוין נאכט. דער אלטער גראָער צײט-גאַסט ס א ט ו ר ן
דערשײנט אין געשטאלט פון א דאָמעלטן שטערן. דו ליגסט ~~[illegible]~~ מיטן בויך
אויף דער נאַקעטער ערד, אין מיט'ן פון ברײטן פלאכן פעלד; דער רעגן
פּאַטשט פון אויבן, אָבער דו פילסט דאָס נישט. קײן זאך; קײן פּיפּס, קײן
גערויש. ~~[illegible]~~ דו קוקסט זיך אײן אין דער פינצטערניש,_ און גײַסטער-
געשפּענסטער אין פארשידענע פאָרעם דערשײנען, אלץ פון באקאנטע מענטשן.
דער טויט לויערט מיט טויזנטער אויגן אין דער פינצטערניש. דו זוכסט
הילף, נאָר דער הימל איז צו ווײט פון דער ערד.. און איז דאָס ריכטיק
דער הימל?!_ זענען דאָס טאַקע די שטערן, אָדער גאָר די לעצטע פונקען
פון די פארקוילטע-פארטריקנטע מענטשן-הערצער צי די לעצטע בליקן פון
די שטארע נאָך פארגליטע אויגן?....

93

70662

הארציקער טאטער!

איך שרײַב דיר איצט פון ב ל ו א. דער נאמען דארף דיר זײַן באקאנט: תענית כ׳ סיון, דער ערשטער עלילת-דם.. איך געדענק נאך דײַנע שטראף-רײד: ווי וואגט א אידיש קינד זיך באדן אין אזא טרויער-טאג, ווען אידן פאסטן און זאגן סליחות איבער דעם וואס ס׳האט אין דעם טאג פארברענט אין ב ל ו א פיל אידן פאר א בילבול? אין דעם טאג האט מען אויך פיל שפעטער אויסגעקוילעט טויזענטער אידן אין נ ע מ י ר א וו, א ו מ א ן, ט ו ל ט ש י ן א.א.וו.

אצינד זענען מיר געקומען אהער זיך פארפאלקאטענען אין די חמסיסי-מלחמה און דערנאך וועלן מיר באלד אוועק אויפ׳ן פראנט. אונזערע רעגירער האבן זיך פארקליבן עט-ווײט, אויף קײן בארדא, און פון דארטן וועלן זײ שרײַען און פויקן: ה א נ י ב א ל איז בײַ אונזערע טויערן! יענע אבער זענען באטש פארבליבן אין רוים.

איך גײ דא ארום און זוך צו געפינען א זכר פון די אמאליקע העלדישע סאלדאטן, וואס זענען מיר געווארן אזוי הײליק און טײער: די גרויזאמע צײַט האט אלץ אומברחמנותדיק אלץ אפגעווישט און אויסגעמעקט.

צופעליק האב איך מיך אנגעשטויסן אויף דעם בארימטן שלאס, וועלכער רעכענט זיך נאך פון 13-טן יארהונדערט. איך האב דא ארויסגעלײנט פיל זאכן, אבער ניט אלעס וואס איך האב געזוכט. פון דארטן שטאמט ש א ר ל  ד ע  ב ל ו א וואס איז אומגעקומען אויפ׳ן באוואוסטן מארטירער-פעלד און די טאטער פונס קעניג „דער פאטער פון פאלק" וואס איז געווען אן אנהענגער פון ק א ל ווי ן׳ן און

הארציקער פאטער!

איך שרייב דיר איצט פון פ ל ו א. דערצאטען דארף דיר זיין

באַאנט: תענית-אסתר

2+ 94 70663

האָט אין דעם שלאָס געשטיצט פיל פּראָטעסטאַנטן._ דאָ האָט אויך דער
טרויעריק באַרימטער ה ע נ ר י פ ו ן ג י ז ע אויסגעפּלאַנט די
בלוטיקע באַרטאָלאָמייער נאַכט._ דאָ איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון'ם
באַוואוסטן ד ע נ י ס פּ אַ פּ אַ ן, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען
דאָס באַנוצן זיך מיט דאַמף-קראַפט אַנשטאָט מענטשן- און פערדן-שווייס._
דער פּאָעט ס א נ ט אָ נ ז ש האָט דאָ זיינע יוגענט-חלומות געוועבט._
דער היסטאָריקער ט י ע ר י האָט זיך געגריבלט אין דער פאַרגאַנ_
גענהייט, אין דער צייט ווען פּ ע ל י פּ א האָט זיך פאַרקויפט צו די
ענגלענדער און אויפגעהויבן זיין שווערד קעגן זיינע אייגענע ברידער.

איינמאָל, נאָך א טאָג פון שווערע מיליטערישע איבונגען,
האָבן מיר זיך איינינקע סאָלדאַטן צונויפגערעדט זיך צו טרעפן ביים
טייך ל ו א ר, זיך דאָרטן אויסבאָדן. ביז מיר זענען אהין צוגעקומען,
האָט זיך די סעפּטעמבער-זון שוין געהאַט אראָפּגעלאָזט אין טייך זיך
אָפּשווייקען פון דעם שטויביקן טאָג. זי האָט געגלעט און געפאַרבט
די שטילע כוואַליעס פון דעם גרויסן טייך, געשפּילט זיך מיט זיי ווי די
געטינס וואָס איז אויף זיי געבוירן.

ווען מיר זענען אַרויס פון וואַסער און איך האָב א לעצטן
בליק געוואָרפן אויף דעם טייך, וואָס האָט געבוירן דעם שרעקליכן בילבול
אויף אידן האָט זיך א געשפּענסטער פון וואַסער דערוויזן, א פרויען-
געשטאַלט געקליידעט אין ווייסן, און איך קאָן שווערן, אז דאָס איז גע_
ווען די שיינע אידישע פּולצילינע.

דער אידישער פרייוויליקער מיט די 5 קינדער איז צו מיר
צוגעקומען דעם צווייטן טאָג נאָכ'ן אָנקומען אהער: „וואָס זענט איר
אזוי פאַרטראַכט?" _ פרעגט ער מיך_ „עפּעס היינט זענט איר מיר מער
פאַרזאָרגט פון יעדן; ס'איז גאָר ניט אייער טבע!" איך האָב אים אי_
בערגעגעבן וועגן מיין שטימונג. „נו, און אז איך, א איד מיט 5
קינדער, מעג איך טאָן אזא זאך ווי קידוש-השם?" איך האָב אים דערמאָנט

95

# די צוויי ,,וואלאנטערן"... 70664

צוויי זענען זיי געווען מיט אונז, צוויי געטרייע נאכפאלגער ביז'ן קבר; און דערפאר זענען זיי געקרוינט געווארן מיט דעמזעלבן נאמען [illegible] פון די, וועמען זיי האבן נאכגעפאלגט.

מיט דעם ערשטן האב איך מיך באקאנט באלד נאך מיין אנקומען אין דער קאזארמע ס א ק פ. איך האב דארטן דערזען א געל-האריקן גרויסן הונט מיט בעטנדע, ליבע און פריינטלעכע גרויסע אויגן, וועלכער האט זיך ארום אונז געדרייט, יעדן נייעם רעקרוט אנגעקוקט, ארומגעלעקט און, געפינענדיק אים פאר גוט, זיך מיט אים באפריינדעט און פארברידערט. ער פלעג שטענדיק צולויפן אט צו דעם, אט צו יענעם, זיך נעמען שפילן, ארומטאנצן, לעקן די הענט, ווארפן זיך אויף דער ערד און מאכן פארשידענע גימנאסטישע שטיק, כדי ארויסקריגן א שמיבעל, א גלעט איבער דער קודלע און אמאל טאקע א געשמאקן ביין אדער א שטיקל פלייש. ער איז געווען זער געהארכזאם, שטיל און געטריי, האט קיינעם ניט באליידיקט, אויך קיינעם ניט געשריגן,- ווי די טבע איז פון אנדערע הינט; מיט יעדן איינציקן איז ער געווען א גוטער ברודער, דער בעסטער פריינט פון די סאלדאטן, אזוי גוט און אזוי צוגעלאזן- כאטש אין פייער אריין אים צו שיקן! צו איינעם פון אונז האט ער געהאט א באזונדערע סימפאטיע און פלעג טאג ווי נאכט ארום זיי קלעפן. שלאפן פלעג ער אין דעמזעלבן צימער, וואס מיר, און אלס בעט-געוואנט האט אים געדינט דיזעלבע שטרוי. ער האט, ווייזט אויס, זיך בעסער צוגעפאסט און גיכער צוגעוואוינט צום קאזארמע-לעבן, ווי אנדערע יונגע רעקרוטן. פארשידענע נעמען האט ער פון אנהויב אן געהייסן- יעדער האט אים גערופן ווי אים איז געפעלן-, אבער נאר איינער פון זיי, דער מער פאסענדיקער און טרעפלעכער נאמען וואס איז דערנאך פון אלעמען אנדערקענט געווארן, איז אים פארבליבן-,,וואלאנטער".

96

70665



פון וואַנעט „וואָלאָנטער" שטאַמט, צו וועמען ער האָט פריער געקערט
און ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען צו אונדז אין דער קאַזאַרמע — דאָס האָט
קיינער ניט געוווּסט. אייניקע האָבן באַהויפּטעט, אַז ער שטאַמט פון אַפרי-
קע און האָט געקערט צום „אַלטן" סערזשאַנט פונם „פרעמדן-לעגיאָן",
וועלכער האָט אים פון דאָרטן מיטגעבראַכט. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז
דער איטאַליענער וואָס שלאָפט בסדר מיט אים צוזאַמען, וועלכער איז גע-
קומען פון מאַרסעל קיין ליאָן זי דאָ פאַרשרייבן אַלס פרייוויליגער, האָט [אהער]
אים געבראַכט. איינער אַ ליאָנער האָט פאַרזיכערט, אַז ער קען אים שוין
זייט עטלעכע יאָר און האָט אים תמיד געזען אין ליאָן. נאָר דאָס זענען
אַלץ געווען השערות, קיין באַשטימטעס און זיכערעס האָט קיינער ניט גע-
קאָנט אַרויסטראָגן — און פאַר אונדז איז „וואָלאָנטער" געווען אַ רעטעניש,
אַ געהיימניש און גענוג.

ער האָט מיטגעמאַכט מיט אונדז אַלע טאָג- און נאַכט-מאַנעווערס, אין
וועלכע ער איז געווען דער ערשטער, דער וועג-ווייזער און פירער אונזע-
רער. ער איז שוין געווען גוט באַקאַנט מיט די ערטער, וואו מיר פלעגן
מאַכן אונזערע געווער-איבונגען און גימנאַסטיק; ביי יעדער פויזע וואָס
מיר האָבן געהאַט פלעג ער זיך צו אונדז דערנענטערן, יעדן אַרומלעקן,
אַרומגלעטן און טרייסטן מיט זיין פריינטלעכן קול, ווי איינער רעדט:
„זאָרגט ניט, פריינט! איר וועט דאָס איבערקומען, נאָר אַביסל געדולד."
מיר פלעגן אים פאַרשטיין און אָפּענטפערן מיט אַ גלעט איבער'ן קאָפּ.
ער פלעג זיך דאַן אַוועקלעגן אויפ'ן רוקן, מאַכן מיט די פיס, אַרויס-
שטעלן די צונג, סאַפּן און קוועלן פאַר תענוג. ווי באַלד מ'האָט געגעבן
אַ פייף, אַ סיגנאַל, — פלעג ער זיך דער ערשטער געבן אַ וואָרף, צולויפן
צום סערזשאַנט און אויף אים אויסגלאָצן גרויסע בעטענדע אויגן — דאָס
האָט געהייסן: „מאַטער נישט די סאָלדאַטן צו שטאַרק". דער סערזשאַנט
פלעג ווערן בייז און אומגעדולדיק, ווי איינער זאָגט: „וואָס הייסט?

דינסט איז דינסט! נישטא צופיל! מ'מוז פאלגן און גענוגן". ער פלעג
אויסהערן דעם מוסר-זאגער און זיך אומקערן צו אונז מיט אן אראפגע-
לאזטן קאפ: "וואס זאל מען טאן, קינדער? איר הערט: מ'מוז האבן גע-
דולד."

דעם גרעסטן איינדרוק
די גרעסטע איבעררַאשונג וואס "וואלאנטער" האט אויף מיר געמאכט
איז געווען די ערשטע נאכט וואס מיר זענען אנגעקומען אין טראנשייעס.-
ס'איז געווען א שטאק-פינצטערע, קאלטע און רייגנדיקע נאוועמבער-נאכט.
מיר שלעפן זיך איבער די בלאטיקע פעלדער, בלאנדזשען און ווייסן נית וו-
הין צו גיין. די קאמאנדירן אונזערע, וועלכע פירן אונז איבער טאל און
איבער בערג און גריבער, ווייסן גופא נית דעם וועג. און וואס ווייטער מיר
גייען, אלץ העפטיקער הערט זיך דאס דונערן פון די קאנאנען. פלוצלונג
הויבט זיך אן צו שיטן אויף אונז א האגל פון קוילן; איינציקע ווערן
פארוואונדעט. און באלד טוט א דונער-מיר פאלן אלע אום פאר שרעק-, א
צווייטער, א דריטער. מיר בלייבן שטום און ווארטן אפ א באפעל, צי זאל
מען גיין ווייטער. איך הויב מיך אויף פון דער ערד א פארשמירטער, א
פארבלאטיקטער און דורכגענעצטער ביז די ביינער: עפעס א שווארצער
שאטן באוועגט זיך פון ווייטנס. איך קוק זיך איין אין פינצטערניש: א-הא!
ס'איז "וואלאנטער". פון וואנעט האט ער זיך אהער גענומען? - שוין א
שטיק צייט, ווי כ'האב אים פארלוירן פון אויג,-זייט מיר האבן זיך געלאזט
אין וועג אריין, און מיט'ן דרינען ער איז דא! דעם אמת זאגנדיק, האב
איך מיך איבער אים שטארק דערפרייט, ממש ווי מ'דערפרייט זיך איבער א
בעסטן נאענטן פריינט, וואס מ'האט לאנג נית געזען און וועלפן מ'באגע-
גענט אין א קריטישן מאמענט. ער ווייזט אויס, האט מיך באלד דערשפירט,
ער איז צוגעלאפן צו מיר און גענומען מיר רייבן אויף זיין שפראך.
ס'איז מיר אביסל בעסער געווארן אויפ'ן הארצן און היימלעכער. איך האב
דערפילט, אז בין נית אליין, אז כ'האב פאר וועמען זיך אויסצורײדן און
באקלאגן אויף מיין מזל. ער האט א פנים פארשטאנען מיין געמיט, האט זיך
א לאז געטאן פארויס און, צוריקקומענדיק אין עטלעכע מינוטן ארום,

דערײַבער                דאָרטן
מיר איבערגעגעבן, אז ניט ווײַט זענען אונזערע סאָלדאַטן,_ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן,_און אז מיר וועלן מיט דער צײַט זיך צוגעוווינען צו די האָגלן פון ביקסן- און האַרמאַטן-קוילן, אזוי אז ס'וועט בײַ אונז גאָר ניט אויסמאַכן... אזוי איז ער אויך אַרומגעלאָפן אַרום אַנדערע סאָלדאַטן און געהאַלטן אין אײַן אײַנרעדן, אז ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן...

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אים שוין פון די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזט; ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן נעבן אונז אין די טראַנשײעס. ווען מיר פלעגן אַוועקגײן אויף אָפּרו א 25 קילאָמעטער פון די טראַנשײעס, איז ער מיט אונז מיטגעגאַנגען; ווען מיר פלעגן זיך אומקערן צוריק אין די טראַנשײעס, איז ער ווידער געווען מיט אונז. ער האָט מיטגעמאַכט מיט אונז דאָס טראַנשײ-לעבן, געליטן הונגער און קעלט, אָן/אָן/אָן איבערגעלעבט טויט-שרעק בעת די שטורמדיקע באָמבאַרדירונגען. באַזונדערס גרויסע נוצן פלעג ער אונז ליײַסטן, ווען מיר פלעגן בײַנאַכט אַרויסגײן, א פּאַטרול פון א מאַן 6, אויף אַן „אַמבוסקאַד" ער פלעג דאַן שפּיל ווי א שלאַנג זיך שלײַכן באַגלײַך מיט אונז אויפ'ן בויך. ער איז געלאָפן דער ערשטער, אויסגעקוקט די ערטער און געקומען צוריק אונז דערצײלן, אז דאָ ניט ווײַט ליגט א דײַטשער „פּענטינעל" אז דאָרטן גײט א דײַטשער פּאַטרול,_און ווען ער איז מיט אונז געגאַנגען, און אזוי אַרום אונז פאַרהיט פון א פּלוצלינגער צוזאַמענטרעפונג איז קײנער פון אונז ניט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, ער פלעג אונז צוזאַמענפירן און אָפּהיטן פון עפּעס א אומגליק.

אײן מאָל_ דאָס איז געווען אין א רעגנדיקער מערץ-נאַכט, און לעצ ענץ א געמישעכץ פון שניי און בלאָטע האָט פאַרדעקט די פעלדער_ זענען

עם כל זה
אהבה לו
בכל יום שיבא:

מיר, עטלעכע סאָלדאַטן, אויסגעקליבן געוואָרן צו גיין אויף אַן „אַמ-
בוסקאַד". מיר האָבן אויסגעזוכט „וואָלאָנטער"ן און אים איינגעלאַדן
צו גיין מיט אונז. ער האָט אויסגעזען טרויעריק, זיינע אויגן זענען
געווען פֿייכט און מרה-שחורהדיק, ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו
גיין מיט אונז. מיר האָבן זיך אַליין אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. מיר
זענען ניט ווייט אַוועקגעגאַנגען, ווי „וואָלאָנטער" איז אַרויף אויף די
טראַנשייען, אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען אונז נאָכלויפֿן. ער האָט
אונז באַלד דעריאָגט. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט עפּעס פֿליען אי-
בער אונזערע קעפּ, און באַלד האָט זיך אַ גראַנאַט אויפֿגעריסן גאַנץ
נאָענט. מיר האָבן גלייך אָפּגעטרעטן אויף איניקע שפּאַן און זיך
אויסגעצויגן אויף דער ערד. מיר הערן זיך איין, און עס פֿליען שוין
עטלעכע באָמבעס איבער אונזערע קעפּ. מיר האָבן זיך שנעל אויפֿגע-
הויבן און געלאָזט לויפֿן אויף גאָטס באַראָט, וואוהין די אויגן קוקן.
מיט גרויסע צרות האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו אונזערע טראַנשייען בלויז
פֿיר מענטשן: די אַנדערע צוויי זענען פֿאַרבלאָנזשעט געוואָרן און ערשט
מיטן טאָג צוגעקומען צו אונזערע טראַנשייען.

דעמאָלט
פֿון לאַנג אָן האָבן מיר שוין „וואָלאָנטער"ן מער ניט געזען און
האָבן ניט געוווּסט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט... איז ער ניט געווען דער
קרבן פֿון דעם גראַנאַט-אויפֿרייס?... ווער ווייסט...

דעם צווייטן „וואָלאָנטער" האָבן מיר ביי אונז געטראָפֿן שוין מיט
[illegible]
אַ צייט שפּעטער. דאָס איז געווען אַ מיטלוועקסיקער גרויער הונט. אויך
אויגן האָט ער געהאַט גרויע, האַלב-אויסגעלאָשענע, דערפֿאַר אָבער גוטע,
געטרייע. אויפֿן ערשטן קוק, האָט ער געמאַכט אַ שרעקנדן, אָפּשטויסנדן
איינדרוק; ווען מ'האָט זיך אָבער צו אים צוגעוווינט, האָט מען אין אים
געפֿונען אַ גוטן און געטרייען פֿריינט. ער איז געווען, ווי זיין פֿאָרפֿל-
גער, אַ שטילער און געלאַסענער, האָט יעדן געפֿאָלגט און מיט יעדן גע-
ווען חבר. ער פֿלעגט אונדז נאָכפֿאָלגן אומעטום, האָט מיטגעמאַכט מיט אונדז

עם כל הו

אהבת

בבל ום שיבא

## די שרעקלעכע אטאקעס פון א ר א ס.

דאס לעצטע מאל האב איך אים געזען ביי דער לעצטער אטאקע פונם 16-טן יוני 1915. ער איז ארומגעלאפן אויפ'ן שלאכט-פעלד, געגראבן די ערד מיט די לאפעס, גענישטערט, געזוכט און געבילט. איך בין צו אים צוגעגאנגען, ער, ווייזט אויס, האט מיך ניט דערקענט און איז אוועקגעלאפן.. פון דעמאלט אן האב איך אים שוין ניט געזען...

ווער ווייסט, צי האט אים ניט געטראפן דער זעלבער גורל, וועלכער האט געטראפן די, וועמען ער האט אזוי געטריי נאכגעפאלגט?.. איז זיין פלייש ניט אויפגעפרעסן געווארן פון די זעלבע פויגל, וואס האבן געפרעסן דאס לייב פון די טויטע מענטשן, זיינע חברים?..ווער קאן דען אונטערשיידן צווישן די ביינער וואס וואלגערן זיך שטינקנדע נבלות איבער'ן פעלד, וועלכע פון זיי קערן צו פערד, וועלכע צו הינט און וועלכע צו מענטשן? די ערשטע ווי די לעצטע זענען אויסגעמעקט געווארן פונם ספר-החיים, און קיינער וועט זיי ניט דערמאנען. קיין זכר וועט פון זיי ניט בלייבן, ווי פון די וואלקנס אין הימעל און כוואליעס אין ים, וואס קומען און ווערן פארשווונדען און עלע זייערע פלעצער. ווערן דורך אנדערע פארנומען . קיינער וועט ניט דענקען וועגן די אנאנימע אומבאקאנטע מארטירער, א דאנק וועמען דאס לעבן ווערט געטריבן פאראויס, ווערט רייכער און שענער, פיינער און יושר'דיקער, און אין געשיכטע פון דער אייביקייט וועלן זיי פארבלייבן אומבאוווסט...

גויפקבטען א גאנצער באטאליאן, און אמאל אויך צוויי און דריי
באטאליאנען, זיך אפּרוען נאך א פּאר חדשים פֿארברענגען אין די
פֿראנט

101

70670

ווען מיר, _פארברענטע, פארשווארצטע, אויסגעמאטערטע און פֿאַנ_
געפּלאָגטע סאָלדאטן, רעשטלעך פֿון די שטאָלצע רייען פרייוויליקע, _זענען
נאָך די גרויזאמע אטאַקעס צוריקגעקומען פֿונם פראָנט אויף אָפרו און
דערזען פאר זיך די ליכטיקע וועלט, ___ איז אונז אלעם אויסגעקומען
אזוי אויסטערליש, אזוי אויסערגעוויינלעך, גלייך ווי אין א חלום. די
נאטור ארום אונז [illegible] אין איר פולער בליונג; די שטאָלצע
ניט-צעשיידיקטע בוימער, די צעפרידענע ניט-פארקריפּלטע באשעפענישן,
די פּרעכטיקע פעלדער און טאָלן __דאָס אלעס איז פאר אונז געווען אזוי
ניי, אזוי אומגלויבלעך! מיר האָבן אונזערע אויגן ניט געגלויבט, אז
דאָס זענען מענטשן, וועלכע גייען זיך אזוי פרידלעך; אז דאָס זענען
עס שענע צארטע פרויען וואָס ריידן אזוי צווישן זיך געמיטלעך און אז
דאָס זענען טאַקע לעבעדיקע קינדער וואָס שפּילן זיך, לויפן און שפּרינ_
גען אזוי לוסטיק, גליקלעך און צופרידן! זאָל דער טויט גאָר [illegible] קיין
-דאָ
שליטא ניט האָבן?!

אזן ווען מיר זענען מיט די גרויסע לאסט-אויטאָמאָבילן
דורכגעפאָרן א באַן-סטאנציע און א שטעטל, האָט יעדער פֿון אונז, ווי
א ווילדער וואָס זעט צום ערשטן מאָל א ישוב פֿון ציוויליזירטע מענטשן,
עפעס זיך שטארק, אויפ'ן קול, געחידושט, נאָכדעם געשריגן און גע_
ליארעמט פאר פרייד. ס'איז אזש געווען א בושה! יאָ! א גרויסע שאנד
איז געווען צו זען, ווי מענטשן פֿון דעמזעלבן לעבן און פֿון דערזעל_
בער סביבה זענען געוואָרן אין א קורצער צייט פֿון 10 [illegible] חדשים
אזוי פארפרעמדט, פארווילדעט און פארגרעבט! ווען מיר זענען אויס_
געשטיגן ביי א באן-סטאנציע און דערהערט א פייף פֿון א צוג, האָבן
מיר זיך תחילת אינסטינקטיוו א וואָרף געגעבן, באלד אָבער אָנגעהויבן

ואין לו
שום דמיון
כלל:

4.

אני מאמין
באמונה שלמה
שהבורא
יתברך שמו
לו לבדו
ראוי להתפלל
ואין ראוי
להתפלל
לזולתו:

צו שרײען, ~~װי~~ פילדערן, מאכן אזעלכע געװאלדן, אז ס'איז געװען
שרעקלעך צו הערן. יעדער אײנער האט ניט װילנדיק ארויסגעלאזט
אזעלכע פרײד-געשרײען, אזעלכע היסטערישע געלעכטערן, אז מ'האט
געקאנט גלויבן, אז מיר זענען משוגע געװארן. װען דער ענטוזיאזם-
פיבער איז פארבײ, איז אנגעקומען א רעאקציע: מיר זענען אונטער
דער װירקונג פון דער מילדער נאטור געװארן שוין צו שטיל, פארטראכט
זיך
און ערנסט. פון צײט צו צײט בלויז האט בײ יעדן ארויסגעריסן א טי-
פער זיפץ, ~~װי~~ א אויסגעצויגענער „אוי"‚- און װידער האט געהערשט
א שטילקײט, א טיפע הײליקע שטילקײט: יעדער האט אין זיך, אן װערטער,
תפילה געטאן צום בורא עולם און באשײנפערלעך געפילט, װי זײנע
מערדערישע אינסטינקטן פארשװינדן פיסלעכװײז און ער װערט פון דער
געװעזענער װילדער חיה װידער א מענטש מיט מענטשלעכע געפילן. יעדער
אײנער איז געװען פארנומען מיט זיך, מיט זײן שענעם גליק און האט
זיך
מורא געהאט, אז ער זאל פלוצלונג ניט אויפװעקן פון דעם גרויסאר-
טיקן חלום און ארײנפאלן צוריק אין דער גרויזאמער, װילדער און
שרעקלעכער װירקלעכקײט...

שטײענדיק אזוי פארטרוימט, ניט רײדנדיק אײנער מיט'ן צװײטן,-
האבן מיר גלײך געצויגן די אויפמערקזאמקײט פון די זשיקע, ציװילע
מענטשן. די קינדער זענען עס געװען די ערשטע װאס זענען גאנץ נא-
ענט צוגעגאנגען צו אונז און אונז אנגעבאטן זײער דינסט אין פאל,
אויב מיר האבן נויטיק עפעס צו קויפן(אונז איז געװען פארבאטן צו
גײן אין שטאט ארײן). נאכדעם זענען צוגעקומען פרויען און מענער
און פון דער װײטנס זיך געשטעלט קוקן אויף אונז, שמוציקע און
שװארצע מענטשן, װי אויף װילדע אינדיאנער מיט געפארבטע פנימער
און באשטעקטע מיט פעדערן; ס'איז געװען קענטיק, אז זײ קוקן אויף
אונז פון אויבן אראפ און אז זײ האלטן זיך פאר גרעטער, יהוס'די-

קער און געבילדעטער פון אונז, טראַנשײ-מענטשן. באַלד זענען צוגעקומען א פּאָר מײדלעך און אונז אין גרויסע קריגלעך צוגעטראָגן הײסע קאַקאָ צו טרינקען. מיר האָבן זיך גענומען שטופּן צו דער קאַקאָ ניט אזוי צוליב'ן טרינקען, ווי צוליב דער זכיה סערווירט צו זײַן פון ווײסע צאַרטע פרויען-הענט, וואָס איז בײַ אונדז דעמאָלט געווען אזוי אָנגעלעגט.

בשעת מיר האָבן געטרונקען די קאַקאָ, איז צו אונזער רײדל צוגעקומען אן אלטער, עלעגאַנטער מאַן מיט קלוגע אויגן און א ווײסן באָרד-שפּיץ. ער האָט באַלד געווינען אונזער אלעמענ'ס צוטרוי און אויפמערקזאַמקײט, ווען ער ~~עלע~~ האָט זיך מיט אונדז אַרײַנגעלאָזט אין א שמועס:

— אַך ווען איר וואָלט וויסן, ווי די אָפיצירן לעבן עס דאָ אין דעם שטעטל א גליקלעכן טאָג! דער גענעראַל-שטאַב וואָס געפינט זיך דאָ לאָזט זיך גוט גײן אויפ'ן חשבון פון די אומגליקלעכע סאָלדאַטן, וועלכע ווערן אין די טויזנטער יעדן טאָג אויסגעמאָרדעט אין די טראַנשײעס און אויפ'ן פרײען פעלד... א גענעראַל, וועמענס רעגימענטן האָבן זיך געשלאָגן אויף אלע פראָנטן און אין די צענדליקער טויזנטער אומגעקומען, האָט זיך געלאָזט ביז גאָר וויל גײן מיט שענע פרויען, שאַמפּאַניער און פרישע געבראָטענע הינדלעך-און בדרך אגב געגעבן אומגעלונגענע, ניט באַטראַכטע באַפעלן. ווען מ'האָט אים צו וויסן געגעבן, אז דער קעגנער איז פיל שטאַרקער ווי ער האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, האָט ער געענטפערט פשוט און קורץ: „איז טרעט מען אָפּ".

מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך געזעסן אין א קאַפע-הויז און האָב צוגעזען פאָלגענדעס: צוויי אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון פראָנט, אויסגעמאַטערטע, פאַרשוואַרצטע, האָבן זיך געהײסן דערלאַנגען קאַפע; ווען זײ האָבן אויסגעטרונקען, האָבן זײ צוגערופן די ווירטין, א שענע יונגע פרוי, מיט איר פאַרפירט א שמועס, איר באַצאָלט, זיך געזעגנט בײ דער האַנט און אוועקגעגאַנגען. בײ דער זײט זענען געזעסן

אַ פּאָר אָפֿיצירן פֿונם גענעראַל-שטאַב, גלאַט ראַזירטע, אויסגעפּוצטע פֿראַנטן, װעלכע האָבן דעם פֿראָנט בלויז אויף דער קאַרטע געזען און װעלן אים טאַקע קיינמאָל ניט זען... די אוניפֿאָרמעס טראָגן זיי נאָר כּדי בעסער צו געפֿעלן די פֿרויען.... זיי האָט, ווייזט אויס, פֿאַרדראָסן, װאָס יענע טראַנשייען-אָפֿיצירן, װעלכע זענען אויס אַזוי אויסגעמאַטערט און דערשלאָגן, האָבן געהאַט אַזאַ עזות זיך אַזוי פֿריינטלעך געזעגענען מיט דער װירטין, װעלכע דאַרף על-פּי יושר נאָר צו זיי קערן. האָבן זיי צוגערופֿן די װירטין און איר געזאָגט: „מאַדאַם! פֿאַרװאָס האָט איר די אָפֿיצירן ניט געהייסן זיך פֿריִער אין גרעזיל אָטובאָדן, איידער זיי װעלן אייך די הענט געבן!". איך בין געזעסן און מיר געביסן די ליפּן. איך האָב זיי געװאָלט אָפּענטפֿערן, נאָר האָב זיך איינגעהאַלטן, װייל איצט איז די מאַכט ביי זיי אין די הענט. נאָר װען זיי זענען אַװעק-געגאַנגען, האָב איך צוגערופֿן די װירטין (מיינע אַ באַקאַנטע מאַקע) און איר געזאָגט: „מאַדאַם, איר װאָלט פֿיל ערלעכער און גלייכער געװען געהאַנדלט, װען איר זאָלט געװען אָפּענטפֿערט די פּוסטע אויסגעפּוצטע נאַרישע פֿראַנטן, אַז װען זיי װאָלטן זיך אַפֿילו אין גרעזיל געװאַשן, װאָלטן זיי דאָך שמוציק און פֿאַרדאָרבן געבליבן; אַז יענע, װי שמוציק זיי זאָלן ניט זיין, זענען זיי דאָך ריינער פֿון זיי, װייל זיי שלאָגן זיך און ליידן פֿאַר אונדז אַלע, פֿאַר׳ן גאַנצן פֿאָלק, בעת זיי, די פֿייגלינגען, לאַכן זיך נאָך פֿון זיי אויס"..

אָט האָט איר נאָך אַ ביישפּיל, װי מען באַהאַנדלט אייך, סאָלדאַטן: אַ קאַפּיטאַן מיט זיין לייטענאַנט זענען געקומען אַהער אויף פּרו. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אַרומגעגאַנגען זוכן אַ װוינונג פֿאַר זיך און ניט געקאָנט געפֿינען: מ׳האָט זיי אומעטום אָפּגעזאָגט צו פֿאַרדינגען בלויז דערפֿאַר, װאָס זיי זענען ערשט געקומען פֿון די טראַנשייען און געװען פֿאַרװאָגלט-פֿאַרשװאַרצט, מיד און צעבראָכן. װען זיי זענען זיך שוין אָפּגעגאַנגען די פֿיס זוכנדיק, רופֿט זיך אָן דער לייטענאַנט צום קאַפּיטאַן: „װען אונדזערע טרופּן װאָלטן זען, װאָס פֿאַר אַ זאָרגלאָז און

21/11/1915

ליבער פריינט!

איך האב פארלוירן איינעם א רוסישן חבר, א טייערן מענטשן. ער איז געווען פריי ווי א גאט, שטארק ווי א ריז, קלוג, שיין און שטאלץ ווי אפאלאן. ער האט אין רוסלאנד איבערגעקערט וועלטן, אין פאריז

/5 105

70674

פריילעך לעבן מ'פירט דא אויפ'ן חשבון פון פאלק און פראנט-סאלדאטן
און ווי מ'באגייט זיך מיט אונז און מ'וויל אונז אפילו קיין דירה
ניט פארדינגען,— ווען זיי וואלטן דאס וויסן.. ווי מיינט איר: וואלטן
זיי נאך געהאט דעם קוראזש, ווי איצט, אזוי ליידן און העלדיש שטארבן
פאר אלעס..". איצט, בשעת'ן קריג, קאן מען גארנישט מאכן. נאך דער
קריג וועלן איך שוין זען, אז מ'זאל פארעפנטלעכן די און נאך פיל-
פיל אזעלכע ענלעכע פאקטן וואס איך האב פארשריבן. די פייגלינגען
באהאלטן זיך איצט אוים ניט צו גיין אויפ'ן פראנט און לעבן א
משוגענעם טאג אויפ'ן חשבון פונם ליידנדן פאלק, און דערנאך, נאך
דעם קריג, וועט אויסקומען (זיי וועלן זיך שוין באמיען!), אז זיי
זענען עס געווען די העלדן, די אמת'ע רעטער פונם פאטערלאנד,—און
וועלן דאן דעם שלום אויסנוצן, ווי זיי נוצן איצט אוים די מלחמה.

דער מאן האט גערעדט מיט הארץ, און ס'איז קענטיק געווען, אז
ער ליידט אויף אן אמת פון דעם גאנצן אומרעכט וואס ווערט באגאנגען
אין זיין לאנד; אז ער איז פאטריאטישער פון דעם רוב אפיצירן וואס
האבן נאר אין זינען זייער אייגנס און אז ער וואלט זיך באמת מקריב
זיין פאר זיין פאטערלאנד.

5

און פון די וואָס שלאָגן זיך

פריילעך לעבן ס'פירט דאָ אויפ'ן חשבון פונ'ם פאָלק און ווי מען באַ־

גייט זיך דאָ מיט אונז

70675

104

## א קאפיטל זכרונות פון א אידישן פרייוויליגן.

### מיר זיינען אין ירושלים.

אזוי ווי אף א פאראד פאר א גענעראל, האז די סאלדאטן ענט-פערן אף זיינע באגריסונגען, אזוי האבן זיי כסדר אן אויפהער, די שווער-באלאדענע, מארשירענדיקע סאלדאטן, א קאמפאני נאך א קאמפאני, א באטאליאן נאך א באטאליאן, פארביי־גייענדיק דעם קרייץ-וועג, וואו צוויי אפ-געשטאנענע, צוריקגעבליבענע פון זייער קאמפאני זיינען געזעסן אין מיטן פעלד אפן גראז, גערופן:

„מיר זיינען אין ירושלים! — „מיר זיינען אין ירושלים!"

אומעטיקע, טרויעריקע, אפגעהאקטע שטימען האבן זיך געטראגן אין דער לופטן ווי פארלוירענע, בלאנדזשענדיקע קלאנגען אין א פוסטן מדבר און זיינען פארשלונגען געווארן פונם איינטאניגן, שווערן טראט פון די מארשירענדיקע מחנות. ביי עטליכע האבן זיך געלאזט הערן עפעס אום-פארשטענדליכע, אומצופרידענע ווערטער, די אנדערע האבן דורך די ציין ארויסגעגלישעט ביטערע פארוואורפן און די דריטע האבן עס שוין אונ-טערגעסאפט און האבן עס דורך די ציין פון די ציענדיקע מחנות ווייטער געטראגן.

ווי א ביטענדיקע, סארקאסטישע איראניע האט עס געקלונגען אט דער דאזיקער „מאי נו? מיר זיינען אין ירושלים!"...

קניענדיק נעבן דעם אויסגעצויגענעם „מלחמה־חבר" האט פ ר י ד מ א ן פארזיכטיק און פאמעלעך אויסגעדרייט דעם קאפ זיינעם און האט געענטפערט אף די באגריסונגען, וואס האבן זיך צון אים גע-שאטן פון אלע זייטן: „מיר זיינען אין ירושלים!"...

א זאפטיקע ווארעמקייט און א צוזאגענדע האפנונג האבן זיך געטראגן פון אט די דאזיקע ווערטער. לעבעדיקע, גלאנציקע פייערלעך האבן זיך צעצונדען אין זיינע מיט טרערן פארלאפענע אויגן, א צופרי-

דענער שמייכעל האט זיך פאוויזן אף זיין פנים און חן־גריבלעך האבן פארשטארקט די קנייטשן פון זיינע מויל־ווינקלען.

... דגל מחנה אפרים... די העלדישע יונגען לאזן זיך פון די פעסטונגען פון גושן אין מדבר אריין מוטיק, אן פחד אנטקעגן דער פרייהייט..

„מיר זיינען די שבטים פון די קינדער פון יעקב, דאס דיימליכע ברומען פונם שטארקן יהודה ...״

א ליכטיקע האפנונג האט ביי דער געדאנק א שטראל געטאן אין זיין מח.

און האט דען נים געשטראלט אזוי אמאל די מחנה אפן בארג זבלון, ווען עס האט זיך א לאז געטאן קעגן מתרוז!? און האט דען דער אלטער מתתיהו נים געפירט א מאל אזוי זיינע מוטיקע, התלהבות׳דיקע חסידים קעגן די שונאים פונם אידישן פאלק!?

און ער דערמאנט זיך דערביי, אז היינט איז אויך שבת, פונקט ווי דאן, אין יענער צייט.

א, עס איז בעסער צו שטארבן ווי א העלד אין דער מלחמה, איי־דער געפירט צו ווערן פון די זייגער צו דער שחיטה!..

אינמיטנקמיוו האט ער זיך א כאפ געטאן פארן געווער און האט זיך מיט אימפעט א שטעל געטאן גרעט אנצוגרייפן...

פלוצלונג האט זיך דערהערט א גערויש פון א גאלאפירענ־דיקן פערד און פאלד אין דער רגע האט זיך פון אן הויפן זייל שטויב וואס האט זיך אזש ביז צום הימעל געטראגן, א רייטער אף א שהערייסא־פענדיקן פערד אנטפלעקט.

אנגעיאגט דער קרייץ־וועג האט דער רייטער מיט די לעצטע כחות זיינע, א צי צוריק געטאן דעם צוים, כדי אפצוהאלטן דעם איינגעשלא פענעם יאגנדיקן פערד.

— אלזא פרידמאן אן אמאנס פאז!?

— נא מיין קאפיטען!

108 70677



צװײ שארפע, שפיציקע שפארן האבן זיך ארײנגעקראצט אין די זײטן פון דעם פערד און א קורצער, הילכיקער קנאל פון אן אראפניק האט א דורכגעשניטן די לופט.

װי א פלינקער, װילדער קעניגס אדלער, װאס הױבט זיך אין דער סעקונדע פון דער ערד אפער, אזױ שנעל און װילד איז פונם רײטער מיט זײן פערד גארנישט ניט געװארן. א װאלקן שטױב, און זײ זײנען ערגעץ־װאו אין דער װײטער װײטקײט פארלױרן געגאנגען...

א מיליטאריסט פון דער שװײצאר אפשטאמונג, איז ער װי אן אײנפאכער סאלדאט אײנם פרעמדן לעגיאן ארײן און זיך דערדינט דעם טשין פון א קארפאראל ביז צו א קאפיטאן. אפן פראנט האט ער זיך אױסגעצײכנט דורך זײנע אײגנארטיקע אײנפאלן און המצאות און ערבפלעגט ארױסרופן מחמת דעם די קנאה פון זײנע חברים און כעס און פארװאורפן מצד זײנע „סופעריארן".

ניט אײן אײנציק מאל האט עס געטראפן, אז די קאמפאני האט געהאט אױסצושטײן א פולע צרות און פלעגט באשטראפט װערן פאר די חטאים פון איר קאפיטאן.

עס פלעגט טרעפן, אז דעם קאמענדאנט פלעגט זיך גאר פארגלוסטן דעם קאפיטאן אנצוערגערן, דאן פלעגט ער די צװײטע קאמפאני שטעלן בראש פונם באטאליאן אדער גאר פון הינטן. מחמת אזױ פלעגט ער די אױסגעמאטערטע, אױסגעמוטשעטע סאלדאטן ארומטרײבן דא אהין, דא אהער, װי א הונט, װאס טרײבט ארום א טשערעדע שאף. מ'רוב'טמאל, װען דער קאפיטאן פלעגט ניט האבן װי אזױ און װאו ארױסװײזן זײנע מלחמה־קענטעניסן און זײן טאלאנט פלעגט זײן קאמפאני װערן דאס אמתע ציל־ברעט אפן פאמינדיקן ארט.

נאך א דרײסיק טעג טראנשעע־לעבן, נאך דעם שװערן מארש מיט זאק און פאק פון 25 קילאמעטער, װאס װאלט װי געװײנטלעך געװען זײן אביסל אױסצורוען פלעגט קומען א נײער ארדער פונם קאפיטאן, זײן פארטיק צו מאכן צו דער רעװיזיע, װאס װעט נאך דעמזעלביקן טאג געשען.

70678

169



דאמאלסט האבן זיך געמוזט נעמען רידן די מידע צעבראכענע ביינער.

די פארראסטע געווערן האבן געמוזט זיין געשליפן פון דרויסן און פון אינווייניק. די מונדירן וואס האבן שוין געהאט כליערליי פארבן און קאלירן פון דה וועטערן און פון דער לאנגער וואלגערניש האבן געמוזט ווערן ווי שפאגעל־ניי, אפארשט פונם צעך־הויז ארויס, די קנעפ האבן באדארפט בלישטשן און גלאנצן, זיך צו שפיגלען אין זיי.

און יעטוועדער „מאן" האט געמוזט מיט זאק און פאק זויבער, פארטיק און אנגעגרייט צום מארש זיין.- ראשית גייט און נעמט א דורך יעטוועדער קארפאראל זיין אפטיילונג, באקוקט איטליכע זאך באזונדער, געפינט אוים פעלערן, הייסט זיך אויסשטעלן אין א לאנגער ריי און וארטן אף באפעלן.

דער סערזשאנט פון דער סעקציע קומט אן: די רימענדן זאלן מיר זיין גלאפציק געפוצט, דער פאטראנען־טרעגער אנגעזאטעלט מיט דער נויטיקער צאל קוילן ווי עס געהער צו זיין, די שטיק מיטן שייד אפן געווער ארויפגעצויגן.

דאן קומט דער לייטענאנט און שפאצירט זיך דורך די רייען פון די אויסגעשטעלטע סאלדאטן, באמערקט ביי עמיצן א הענגענדיק קנעפל ביים מונדיר, צעשרייט ער זיך געוואלטן אפן סערזשאנט: „ווען דער קאפיטאן זאל דאס נאר זען, מער וואלט אייך שוין ניט געפעלט.!

ווידער

דער סערזשאנט לאזט אויס זיין גאנצן כעס אפן קארפאראל און יענער נעמט זיך צום סאלדאט גופא:

א הויפן זידל־ווערטער, טראשונקעס אלערליי מיט א צוגאב פון 8 טאג קארצער..

—גארדע א וועקי!..

דאס קומט דער קאפיטאן אליין.

אלע סאלדאטן בלייבן שטיין אין צווי גלייכע רייען פנים צו פנים.

די קארפאראלן ביי זייערע אפטיילונגען, די סערזשאנטן ביי זייערע סעק-

70679

110



ציעס , און די לייטענאנטן בראש פון אלע סעקציעס . פארבייגענאנגען די די צווייטע סעקציע, שטעלט זיך דער קאַפּיטאַן נעבן פרידמאַנ'ען אָפּ, גיט אים מיליטעריש א קלאַפּ אין דער אויסגעשטעלטער ברוסט זיינער און זאָגט זיך ווענדענדיק צו די אנדערע:

„אָט איז א מוסטער פון א בראַוון סאָלדאַט!"

דערנאָך רופט זיך אָפּ דער קאַפּיטאַן צום סערזשאַנט:

„פאַרוואָס שטעלט איר מיר ניט צו אָט דעם „מאַן" פאַר אַן ערשט־קלאַסיקן און עלעוו־קאַרפּאַראַל?"

— ער וויל ניט, מיין קאַפּיטאַן,- ענטפערט יענער, זיך אויסצי־ענדיק ווי א סטרונע די גלייך;-ער קאַנט ניט קיין פראַנצויזיש.

אזוינע און אנדערע חירוצים פלעגט ער ביי אזעלכענע פאַלן גע־נוג שוין אויסגעפינען, ווי אזוי צו פארבארגן די אמתע כונה זיינע...

זיך האָבענדיק באַקאַנט מיט פרידמאַנען, האָט דער קאַפּיטאַן זיינ־דיק אין ליאָן, באַלד ווי עס איז אהין אנגעקומען א נייער קאַדר אָפּיצירן פון „סידי באַלאַבעס" די דאָזיקע אָפּיצירן באַפוילן צוזאַמענצושטעלן פון די פרעמדע פרייוויליקע א באַזונדער מאַרשירענדיקן פאָלק צום פראָנט צום ערשטן מאָל, ווען מען האָט די רעקרוטן געפירט צום פעסטונגס־פּלאַץ ביי „פאָר דע לא מאָד" צו מאַכן מיט זיי פארשיידענע מיליטערישע איבונגען, האָט דער דאַרער , מיטהויכער, יונגער מענטש שוין געהאַט צוגעצייגן אויף זיך אלעמענס אויפמערקזאַמקייט, דורך זיינע מאָדנע גימנאַסטישע קונץ־שטיק.

מערער נאָך ווי דורך זיין גימנאַסטיק האָט ער זיך געלאָזט מערקן פון זיינע עלטסטע און בפרט פונם שווייצארישן קאַפּיטאַן, בשעת מען האָט זיי געהאַט געפירט אויף שיפס־איבונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אויף דעם אויבנדער־מאַנטן פעסטונגס־פּלאַץ.

בעת דער רוב פון די רעקרוטן האָבן ניט געקאָנט אפילו ווי עס געהער צו זיין א געווער אין די הענט האַלטן, און די וואָס האָבן שוין יאָ

70680

111



געקאנט די מלאכה, פלעגן מיט 8 קוילן איינאיינציקן פויגל טרעפן, האט ער, פרידמאן, קיין איין קויל ניט אומזיסט געפטרט און האט שטענדיק אין זיין ציל אריינגעטראפן. דער קאפיטאן וואס איז געווען באקאנט פאר א „ווילהעלם טעל" האט אין דעם קאנקורס מיט 6 פון 8 פרוימגעגאנגען, בעת ער, דער „גרינער"רעקרוט האט אלע 8 קוילן אין דעם ציל־ברעט אריינגעטראפן . דעמזעלביקן טאג שוין האט דער קאפטאן מיט פרידמאנען„גוט־ברודערשאפט" געשלאסן און האט אים צוגעזאגט הרים וגבעות, ווען זיי וועלן זיין אפן פראנט.

אין א צייט ארום, נאך דער דאזיקער געשעניש, זייענדיק אין די טראנשייען און רעכענענדיק דעם קומענדיקן פרילינג צו אטאקירן די דייטשן, זיינען, דער קאפיטאן מיט פרידמאנען, נאך נענטער באפריינט געווארן. איינמאל האט דער קאפיטאן זיך אויך באטייליגט אין א שפיל, וואס די סאלדאטן האבן איינגעארדענט און האט די גאנצע צייט פון דעם שפיל זיך גוט אמוזירט מיט זיינע סאלדאטן.

עטליכע סאלדאטן האבן זיך א נעם געטאן ראנגלען. דער קאפיטאן האט שפעטער ארויסגעפאדערט וועמען ניט איז פון זיי זיך צו פארמעסטן מיט אים אין די כחות, און אז קיינער פון די סאלדאטן האט ניט געוואגט דאס צו טאן, האט ער זיך געווענדעט צו פרידמאנען:

— א נו, קום דו אהער!

— איך מאך אבער אוים מיט אייך א תנאי, — רופט זיך אפ פרידמאן צו אים, אז ווער פון אונז עס וועט ווערן געלעגט, יענער זאל באשטעלן וויין.

— געמאכט! האט יענער מיט א שמייכל מסכים געווען צו דעם תנאי. און יענעם אווענט האבן די סאלדאטן יעטוועדער איינער געקראגן מער ווי א גאר וויין צום נאכטעסן. דערצו האבן זיי זיך נאך ניט ווייניק אמוזירט איבער דעם ליגנדיקן קאפיטאן...

אין א קורצער צייט נאך דעם האט זיך פאר פרידמאנען גע-

-70681

112

מאכט נאך עפעס אומגעריכטערהייט, אזוינס, וואס האט אים געמאכט חשוב ביי אלעמען אין די אויגן: א געווייזן נאך מיטאג איז די קאמפאני ארויס אפן פעלד צו מאכן „סקרים באיאנעט”, אויסגעשטעלט אין סעקציע קעגן דער אנדערער איז גראד דער ערשטער סעקציע, וואס איז געשטאנען אפן בארג און איז געוועזן צוזאמענגעשטעלט פון א גרויסן רוב פאלאקן אויסגעקומען צו אטאקירן די צווייטע סעקציע, וואס איז געלעגן צופוסן פונם בארג, א סעקציע פון לויטער אידן..

פרידמאנען איז אויסגעקומען צו שטיין קעגן „יאנעק וועליק פאן”, ווי מען האט אים, צוליב זיין אומנאטירליכער הויך, גערופן אין דער קאמפאני.

א באגריף וועגן אידן האט ער לויט זיין גרויס נאך געהאט א משונה'דיקן. אפילו פאר קנאה וואס אט דאס קליינע „אידל” שפילט אזא מין ראלע אין דער ראטע, האט ער זיך נאך איידער עס האט זיך אנגעהויבן דער „סקרים” שוין געהאט בארימט פאר זיינע קאלעגן, אז ער, יאנעק, וועט ארויסשלאגן דאס געווער פון פרידמאנ'ס הענט.

ווי נאר עס איז געגעבן געווארן דער סיגנאל, האט ער זיך מיט גרויס אימפעט א לאז געטאן צו פרידמאנען מיט דער כונה אויסצופירן זיין באשלוס.

פרידמאן איז זיך אבער גאנץ קאלט־בלוטיק געשטאנען אף אן ארט, האט זיין קעגנער בלייז אין די אויגן אריינגעקוקט, און וואס פאר א באוועגונג יענער האט אין זינען געהאט צו מאכן, האט ער זיך נעפאדערט און געווארט וואס ווייטער וועט זיין.

באלד האט דער דאזיקער קאמף צוגעצויגן אלעמענס אויפ-מערקזאמקייט און אז דער הפסקה־סיגנאל איז געגעבן געווארן און אלע האבן זייערע ביקסן פרייז צוזאמענגעשטעלט, האבן די צוויי נאך אלץ גע האלטן אין איין שטרייטן: יענער מיט שוים אין מויל, צוויי גרויסע, וויל-דע אויגן האבן ארויסגעשטארצט פון א פארפלאמטן רויט־פארשוויצטן פנים און

113

8 70682

01

און דאָס גלײַכגילטיק , גלײַך „ניט מיר גאָר מײנט מען דאָס" געזיכט בלײַך , און מאַנעװרירט אַרום מיט זײַן געװער װי אַ מאָלער מיטן פּענזל.

אַלע שטײען אַרום זײ מיט גרױס נײַגיריקײט און קאָנען זיך קוים אָפּװאַרטן אויפן סוף.- אַז לעצט איז דער קאַפּיטאַן אַלײן צוגעגאַנגען אַ קוק צו טאָן אויף דעם פּאַרל.

דער פּאַלאַם,דערזעהנדיק דער קאַפּיטאַן , איז רויט געװאָרן ממש װי אַ שטיק בלוט און האָט גענומען אַרומפּאַכן מיט זײַן געװער אויף אַלע זײַטן. נאָר װי נאָר ער האָט געפּרובט פרידמאַנען האַרט אָנצורירן האָט זיך דאָס געװער צוזאַמענגעשטויסן מיט יענעמ'ס געװער און איז צוריק אָפּגעשפּרונגען, װי עס װאָלט זיך געהאַט צוזאַמענגעשטויסן מיט עפּעס גאָר אַן האַרטע זאַך.- דער סוף איז געװען אַז בײַ אַזאַ מין שטויס צוריק איז יאַנעקס אַרויסגעפּאַלן דער ביקס פון די הענט.

דער קאַפּיטאַן האָט בײַ דער געלעגענהײט דערקלערט,אַז די קונסט פון „סקרים-באַיאָנעט"און האָט אָנגעװיזן אויף דעם פאַקט„פרידמאַן". צו לעצט האָט ער מוסיף געװען, אַז פרידמאַן קאָן אײן אַן אַטאַקע אײנער אַלײן קעגן צען אַנדערע באַשטײן און ער גופא װאָלט מיט אים ,זאָלבע-צװײ, זיך ניט אָפּשרעקן פאַר זײערע 20 שטיק. אין יענעם פאַל,אַז ער האָט געזעהן פרידמאַנען מיט אַ צוריקגעבליבענעם אויפן פעלד, האָט ער שוין ניט איבערגערעדט קײן איבעריק װאָרט און איז אַװעקגעריטן נאָך אַ סאַניטאַרן װאָגן,װאָס זאָל זײ מיטנעמען.

אַז די צװײ חברים זײַנען אַלײן געבליבן ליגן אין מיטן דעם ברײטן ,גרױסן פעלד-שטח האָט פרידמאַן באַמערקט, װי צװײ שװערע טראָפּענס האָבן זיך געקײַקעלט אויף די באַקן פון זײַן פרײַנט. און כדי יענער זאָל ניט זען,אַז ער מערקט זײַן שװאַכקײט, האָט ער אױסגעדרײט דעם קאָפּ אין אַ זײַט און האָט אָפּגעװענדעט זײַן בליק ערגיץ אין דער װײַטער װײַטקײט אַרײַן.

א קנויל פון לאנג־פארשלאפענע זכרונות האבן זיך געפלאנטערט אין זײן מוח און װי געשפענסטער האבן זײ זיך געטראגן פאר זײנע אויגן.

אין עפיזאד װאס האט זיך שטארק ארײנגעקריצט אין זײן זכרון און װאס באגלײט אים זײן גאנץ לעבן לאנג איז ארויפגעשװאומען אין דעם מאמענט בולטער און דײטליכער פאר זײנע אויגן:

זײענדיק א יונג אינגעל װאס אים זײן טאטע געהאט מיטגענומען אף א גאר־אלטן, פארלאזענעם בית־עלמין. די קברים זײנען שוין איבער דער העלפט געװען אײנגעזונקען און פארװאקסן מיט גראז און מיט מאן. די מצבות, פון דער צײט אפגעװישטע און אפגעמעקטע, אז קײנאײנציק װארט איז נים געװען צו דערקענען אף זײ. בײ אײנעם פון אט די דאזיקע אײנ-זאמע קברים

האט זיך דער פאטער מיט אים אפגעשטעלט און האט געזאגט:

ז

„קוק זיך גוט אין מײן קינד. אט אדא לײגן צװײ קדושים, װאס האבן זיך מקריב געװען אף קדוש־השם אין דער צײט פונם רוצח כ מ ע ל נ י צ ק י. צװײ באהעלטערס, מען האט זײ באשמירט מיט סמאלע און מען האט זײ פאר ברענט טאקע אויף אט דעם פלאץ. ערשט אין א צײט ארום האבן זײ אידן געבראכט צו קבר־ישראל און האבן פון דעם דאזיקן ארט געמאכט א בית-עולם.– ער האט זיך אף א װײלע פארטראכט, שװער אפגעזיפצט, און האט צום סוף געזאגט: „דאס איז א גרויסע מדרגה מײן קינד; נאר אזעלכע צדיקים, װי די „עשרה הרוגי מלכות” האבן זוכה געװען צו אזא שײנעם טויט”.

פון דעמאלט אן איז זײן אינטימסטער װאונטש געװען צו דער-

גרײכן די דאזיקע מדרגה.

איז ער דערפאר טאקע אזוי שטארק פרום געװארן, ער דאס יונג אינגעל, כדי „קונה שם” צו זײן. –שפעטער, ארײנגעגאנגען אין דער רעװא-לוציאנערער באװעגונג, זײענדיק פארבאפט פון יענעם „זין מקריב זײן נעפיל”, אויך דארטן געשטרעבט זיך אומצוברײנגען פאר דעם גרויסן מענטשליכן אידעאל.

70684

115



פלוצלונג דערמאנט ער זיך, אז ער געפינט זיך אצינד אף דער ערד פון שאמפאן. די ווינגעלע פון די נושאי־הצלב" פעטער פון אמיען די אסיפה פון קלערמאנט. דער פאפ אורבאן, דער הייליקער בערנארד.. דער גלח רודאלף. דער ריטער גאטפריד פון בוליאן.. דער מאגיסטער גאטשלאג. א לאנגע קייט פון הריגות, ראיהות פדניגונגען... קדוש השם.. די בעלי־ החוספות.. ער זעהט באשיינפערליך ווי א צעיושעטער, ווילדער המון שלעפט אומבאחמנותדיק א זקן איבער א פונסט פעלד. א געליארעם, א צומיש פון באנומענע קולות:

—מיר וועלן זיי ברענען,

—מיר וועלן זיי בראטן.

-א וואוהין?- צו דער גאלגאטאה! צום שמד! צום מערטירער־קלאץ! דער זקן האלט די גרויסע, קלארע אויגן אפן. הויבט זיי אויף צום הימעל און זאגט:

— פאר דיין כבוד וועגן! קדושן רבינו יעקב תם

דער המון פיערט זיין בלוט־ארגיע:

מיט פייער און מיט שווערד

פארטיליגן דעם שטן...

און עס האט זיך אים אויסגעוויזן, ווי א שווערער מורא'דיקער שטיין וואלט אים אויפן הארצן געליגן.

א סנאיראד האט נים וויט פון זיי געפלאצט. דער ערשטער געדאנק: דער חברן באמערקענדיק די צוויי גלאנציקע וואסערלעך אין יעפעמס אויגן, סליאדן פון נאך נים פארטראקענע טרערן אף יענעמס באקן, האט ער אפגעקערט זיין בליק פון אים, פארעקשנט אויסגעדרייט דעם קאפ אן א זייט און אנדערע געדאנקען האבן זיך אנטפלעקט פאר זיין זכרון.

- צו וואס האסטו זיך גאר אין מיטן דערינען צעוויינט?- נייענדיק פונם טעאטר אהיים, האט אים דער חבר די פראגע געשטעלט-אזא מין קינד ביסטו נאך, וואס א פארשטעלונג רירט דיך נאך אזש ביז צו טרערן.

116

70685



נו טאקע אזוי, סענטימענטאלקײט!! א װײבערשע װאפלע. װײנען קאן מען דאך אפילו פון א ביטערע ציבעלע, אדער פון א שטארקן פראסט...

דאמאלסט האט ער דעם חבר אױף דעם ניט געקאנט ענטפערן און ער האט זיך געטראכט, אז זײן חבר איז גערעכט און עס איז טאקע ניט שײן פאר א מאן צו װײנען.

אבער װאס האט ער זיך דען געקאנט העלפן, אז די טרערן האבן זיך געגאסן קעגן זײן װילן, בעת ער האט געזען דעם גרײז-גרויען אידן אױפן ליאנער װאקזאל טראגענדיק די װײס-בלויע אידישע פאן און זינגענדיק „התקוה". ער האט דאס באגלײט די אידישע פרײװיליקע פון דער שטאט ארויס. שמחה-טרערן זײנען דאס געװעזן, טרײסט ער זיך און װאס האט ער זיך באגאסן מיט טרערן בײ די װערטער פונם חזן „תולדותם שפכו דמם כמים".

אצינדערט, אה, שוין אזא צײט נאך דעם, אז ער דערמאנט זיך דערפון, שפירט ער װי די טרערן שטיקן אים אין האלז.

פארענדיק אױף דער באן, האט זיך עמיצער פון זײנע חברים פלוצלונג צעװײנט און ער, קוקענדיק אױף יענעם, האט זיך אויך ניט געקאנט אפּהאלטן פון טרערן. און דערזעלביקער חבר און אנדערע, װאס האבן געװאוסט זײן שװאכקײט, האבן יענעם מיאוס אפּגעזידעלט: „א נארישע היסטערישע אידענע" און דאס װיל נאך זײן א סאלדאט"!... דאן האט ער זיך געגעבן דאס װארט מער ניט צו װײנען און מעג זיך זײן װאס עס װיל זיך. און ער קאן זיך ניט דערמאנען, אז ער זאל טאקע האבן װען עס איז געװײנט אױפן פראנט. מיט די צײן די ליפּן ביז צו בלוט פארבײסן און צו טרערן בשום אופן ניט צולאזן. און אצינד א װײנט מיט אמאל דער „שטארקער" לאגיקער, דערצו נאך פון אײגענע שמערצן..- געװיסט האט ער, אז אויב ער װעט נעמען טרײסטן זײן חבר, װעט ער מוזן זיך צעװײנען קוקענדיק אױף אים, - האט ער די אויגן געהאלטן אפּגעקערט פון אים און זיך פארטיפט אין זײנע געדאנקען , און כדי צו פארטרײבן די װײנענדיקע שטימונג זײנע אױף אײנגאנצן— װײל געװאוסט האט ער אז ניט װעט זי אים סוף-כל-סוף

נזכר זײן און דער חבר װעט הערן זײנע שלוכצן— האט ער זיך געסטארעט ארױסצורופן אין זײן זכרון אנדערע פרײלעכע בילדער...

– מיר זײנען אין ירושלים!– אט איז אן אנגענעמע דעראײנערונגען אזױ װי אלע גרױסע זאכן קומען אומגעריכטערהײט און מען װײס ניט, װאס האט זײ ארױסגערופן, אזױ איז אױך געשען דערבײ. דוכט זיך, נאר אײנער האט זיך ארױסגעכאפט מיט די דאזיגע װערטער, און אפשר איז ער דאס טא-קע אלײן געװען דער־עניקער, װאס האט עס אױסגעשריען, אנשיקענדיק מיט זײנע חברים אין דער שטאט ליאן ר ש׳ים גאס.

—קינדער, זעהט! די דע ראשע.. רבינו שלמה יצחקי.

– מיר זײנען אין ירושלים!..

עטליכע פון דער קאמפאניע האבן זיך דעמאלט אפגערופן: גיב נאר א קוק צי איך אקארשט דער קלױסטער נאר דער בית־המקדש?!

– זאלט איר װיסן זען, חברים, אז דער קלױסטער פונעם הײליקן יוחנן איז געװען אמאל א אידישער טעמפעל; אף דעם פלאץ, װאו ער זאלבט אצינדערט קריסטוס׳ן, האט שאול 30 יאר נאך זײן טױט געפרײדיגט דעם ני־אידישן גלױבן. און מען האט געשלעפט אידן צום טױף.

– אין מיטעלאלטער– האבן זיך אנדערע אפגערופן.

– דאס איז שױן שפעטער געשען...

דא האט אױך דער „אבן־עזרא געװעבט זײנע חלומות..

– און געשטארבן פאר הונגער. האבן אנדערע אונטערגעכאפט..

דאס האט בײ אלעמען ארױסגערופן א געלעכטער און דא האט זיך עמיצער אין א װיץ אפגערופן: „פרידמאן, מיר זײנען אין ירושלים!" אזױ איז עס געשען, אז פונעם װיץ איז געװארן אן ערנסט...

אײנמאל, אז זונטאג נאכמיטאג, א פאר טעג פאר זײער אפפארן צום פראנט, האט חברה זיך געזעגנט מיט דער װינדע אף „מאנט־זשוסט", א פאר-שטאט פון ליאן.

ארױפגײענדיק, איז דאס ערשטע װאס פרידמאן האט געזען די

„רי דע מאקאבעער”.

–קינדער, האב איך איך ניט געזאגט, אז מיר זײנען אין ירושלים?! אבימעלע װײטער האבן זײ געזעהן א קלױסטער, װאס האט געטראגן א לײטאנישן אױפשריפט: „פריער האט דער טעמפעל געהײסן מאקאבײער, אצינד הײסט ער סאנט־זשוסט”.

– איר זעהט! איר זעהט!– האט ער מיט התלהבות אױסגעשריען– א אידישער טעמפעל, װאס אים אין איז ניט אײן אידיש טרער פארגאסן געװארן.

– איצט זײנען מיר טאקע אין ירושלים!– האבן די אנדערע מסכים געװען. און דאס איז פארשפרײט געװארן אינם גאנצן רעגימענט; פאליאקן, איטאליענער, בעלגיער, גריכן, אראבער און אנדערע פלעגן בײ יעדער געלעגנהײט אױסרופן: „מיר זאן יערוסאלעם!”...

א קלאפערײ און געלױף פון א רײטער־קאלאנע האבן איבערגעריסן זײנע געדאנקען..

---

פון דעמאלט אן זײנען שױן אסאך װאסערן פארבײגעלאפן, טײכן בלוט זײנען פארגאסן געװארן. פון זײן רעגימענט, װאס האט אנגעהאלטן א 5000 מאן, איז ניט מער װי 800 איבערגעבליבן. עטליכע האבן זוכה געװען אין פראנצױזישע רעגימענטן איבערגעפירט צו װערן, און ער איז נאך מיט נאך אײנעם, אן אלטן מלחמה־חבר, צוזאמען.

א ליכטיקע לבנה־נאכט–עס איז שײן דער פינפטער עטאפ פונם קרײץ־מארש צום גזלות.

מידע, װאקלדיקע שטומע שאטנס באװעגען זיך צװישן די שװעסטער־בערג, װאס פארלירן זיך אין דער טיפעניש פון דער נאכט.

איבער דעם גאנצן לאנגן װעג ליגן אױסגעזײט אפגעשטאנענע פארמאטערטע זעלנער, װאס זעען אױס װי קופקעס פארגליװערטע ערד.

– זינג נאר, זינב און װער ניט מיד!–

און דער שװער־באלאדענער זאק ציט ארונטער איבער די שולטערן

119

70688



די הויט פון האלז, אזוי, אז דער אטעם האקט אים אונטער, די אדערן ווערן בולטער און ווערן אנגעשוואלן ווי שפאגאטן און עס זעהט אויס ווי מעטאאי-רונגען וואלטן ארום זיין האלז געווען.

..."עס שיינט די לבנה,

"עס גלאנצען די שטערן,

"מיין פאלק, דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימעל, "מיין פאלק".

און ער פילט ווי טרערן שטיין אים אין האלז.- "און איינס איז שוין טאקע מקוים געווארן"- פלאצט ער ארויס מיט א ציטעריק וויינענדיק קול...

– וואס בימטו שטיל געווארן?-

– לא די וואס איך פלאמטער מיט די פיס, זאל איך נאך זיין געון?...

–אף וואס באקלאגסטו זיך דען?- און יענער האט געטראגן דעם צלם אף די פלייצעס זיינע מיט א ברכה און מיט א שמייכעל אף די ליפן..

– פאר וועמענס און פאר וועלכע זינד?

– זינג!- און א שטראם טרערן האט זיך קעגן זיין ווילן ארויסגעגאסן פון זיינע אויגן..

"אבער די שטערן די ליכטיקע, קליינע"- באמערקט אז ערווישט זיך מיט דעם ארבעל די אויגן, האט דער חבר זיך אנגעשטרענגט ווייטער צו זינגען: "די שטערן וואו זיינען זיי באט?"..

– מאכט ניט קיין ליארם, מיר זיינען ניט ווייט פונם שונא און איר פלאפעלט אזוי הויך!...

שוין דאס דריטע מאל, ווי דער לייטינאנט מאכט אויפמערקזאם אף דעם ניט צו רויכערן און ניט צו ריידן הויך.

–טראך,... טראך.. טראך... אלע צעלייגן זיך אין זייער גאנצער לענג אף דער ערד.

–

– טראך...טראך...זשיז..ז..ז......באח!..

–"מיין פאלק דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימעל"-

"ווי די זאמד אפן ברעג פונם בארג"...

שוין דאס װפעלטע מאל, װי זיי מאכן דעמזעלביקן קרייץ־װעג. און
יעטװידעס מאל װערן די רייען פון די מארשירענדיקע סאלדאטן אלץ שיטערער
און די ראדן צופוזן פון דעם בארג געדיכטער און געדיכטער — הילצערנע
צלמים.. צלמים אף צלמים.. אט אזוי גייען זיי מאן צו מאן אין אייביק
פארעקשנטן שװייגן, די שװראטעמדיקע, ביז צום טויט צעמוטשעטע װי שװער־
סאפנדיקע פערד, װאס ציען בארג־ארויף שװער־באלאדענע װעגענער. ביידע
זיינען פארנומען מיט איין־און־דעמזעלביקן געדאנק, װאס גיכער און ציל
צו קומען. און דאס שװערע מאטערנייש זאל אהוף נעמען.

נאך גאר נים לאנג צוריק, װען מען איז זיך צוזאמען געקומען
ביים פארלאזן די שאפמאן אין א עפעס חרוב־געװארענע שטעטעלע צו מאכן אן
הספד נאכן גרויסן פ ר ץ"ן, זיינען זיי דאס געװען עטליכע הונדערט אידי־
שע גבורים, אלע געקליבענע יונגען, איינס און איינס, זיי האבן באקלאגט
דעם דיכטער מיט הילכיקע געזאנגען, — פון פרץ'ס אוצר גענומען.. אט
פונקט װי היינט איז דאס געשען. און א ציינד אז — אף די פינגער פון איין
האנט קאן מען זיי איבערציילן...

פרידמאן גייט און קוקט אפן הימעל ארויף, אפשר װעט ער דארט
געפינען אן ענטפער אף דעם אלעמען?..

... אמאל זיינען די געטער אראפגעקומען צו די מענטשן זיך מיט
זיי מחתן צו זיין. זיי האבן די טעכטער פון די מענטשן פאר װייבער גענומען,
און די מענטשן האבן מיט געטינס חתונה געהאט.

די געטין געבוירן אפן שוים פון ים־װעלן צערטעלט זיך מיטן
יונגלינג אדאניס.

די באשיידענע קומט צו חלום דעם האמזון־פרינץ. און דא פראװעט
מען די חתונה פון דעם קעניג פעעלאס מיט דער חוגענד טהעטיס: אלע זיצן
פארוויז. און עס איז פריילעך, לעבעדיק..

— א דונ בייזע עריס; דיין װילדענער עפעל פאר דער שענסטער האט
געבראכט צו דער שרעקליכער טראיאנער שלאכט.

121 70690



און װאס ער קוקט זיך מער צום הימעל צו, זעהט ער אלץ מער די שרעקליכע עולות, װאס װערן אפילו דארט איבן באגאנגען:

אט לויערט אפ דער שרעקליכער געטאס די הילפלאזע מײדעל און דא פארװאנדעלט זי אונפארזיכטיקע, אומשולדיקע קאליפסי [illegible]

א ארגוס ! װיפיל לעבענס האט יאזאן אומגעבראכט אין דעם ארגונאפטן־צוג..

נאר דו אומשטערבליכער גרױסער פאטריאט װעסט אײביק שײנען דײן שטערן װעט קײנעמאל ניט פארטונקעלט װערן. נאך אזא בײשפיל, װי דײנער איז געװעזען, װעלן שױן די הײנטיקע קאנסולן ניט מאכן..

און דא באמערקט ער, װי א צעפעלין, קוים מיטן אויג צו באמערקן, ריִרט זיך צװישן די שטערן: אט פארשטעלט ער אלמאק און רוקט זיך צו צום בוזן פון אנדראמעד, מיראך.

–דו קוקסט אפן הימעל און זעהסט ניט, װאס עס טוט זיך פאר דער נאז.

להוט נאכאױשפירן דעם גאנג פון דער לופט־שיף האט ער געשטאלפערט און איז אומגעפאלן איבער א גריבעל.– דער אדיוטאנט האט איך אויפמערקזאם געמאכט.

– דערפאר, מײן אדיוטאנט, זאגט פרידמאן צו אים, פארשטײט איר ניט אף דעם, װאס עס טוט זיך אין די הימלען.

– מען דארף דאס אויך ניט װיסן אין דער צײט, װען די באשעפענישן פון דארט ניט אף אונז אטאם.

– דאס װעלן זײ מאכן איצט טאן, און אז ניט אף אונז דירעקט איז אף פאריז און אף דער סביבה פון פאריז.

– װאס דען?– האט זיך יענער ארויף אפגעגעבן.

– א צעפעלין, װאס פליט אזוי אויך מיטן אויג קוים צו באמערקן [illegible]

ער האט נאר װאס אויסגעמיטן די גרויסע אנדראמעד אין דער ריכטונג צום אט ריקט זיך א קלײנער שװארצער פלעק, די לענג פון א ציגארע: די װאס פליעם העכער פון די אדלער װעלן בײמן װי גיפטיקע שלאנגען שלאפענדיקע

122 70691



אײנװאױנער.

נײט דער אדיוטאנט , און נײט דער לײטענאנט האָבן זיך אױס-געקאָנט אין יענע װעגן, ביז דער קאפּיטאן איז צוגעגאנגען און האָט קאָנסטאַ-טירט, אז עס איז טאַקע אן אמת'ער צעפּעלין.- דעם אנדערן מאָרגן פאַרטאָג, האָבן די אָבסערװאַטאָריעס בײ קאמפּאַן דער־װאַרט דעם דאָזיקן גאסט און האָבן אים געמאַכט א פײערליכן קבלת־פּנים...

װאַגעזן-בערג; שאמפּעל'ט 1916.

300 38 123 70692



~~פאר וואס בין איך אוועק אין קריג~~

~~און ליאן האב איך געשריבן צו מיין פאטער קיין ווארשע:~~

ליבער הארציגער פאטער! איך רעכן, אז ס'וועט דיך ניט איבער-ראשן, ווען איך וועל דיר זאגן, אז איך בין געווארן א סאלדאט, דערצו נאך א פריי־ווילינער. איך האב געלאזט מיך אפשערן די לאנגע האר, מיט וועלכע איך פלעג אזוי שטאלצירן, אויסגעטאן דעם שווארצן האלז-באנד מיט דעם סוימען-קאט טשילקע און זיך אנגעטאן א בלויען מונדיר, מיט רויטער הויזן (דער איינציגער צייכן וואס איז פארבליבן פון רעוואלוציאנערן פראנקרייך), א גארטעל אויף די לינדען, א שווערד אין גארטעל_און אזוי זעה איך ריכ-טיג אויס, ווי איינער פון די זעכציג העלדער פון שלמה המלך. איך האב פארבוינען מיין וועגעטאריאניזם, האב אנגעהויבן צו עסן פלייש, טרינקען וויין_אנדערש וואלט איך גאר ניט געטויגט פאר זיי. דאס געבאט „לא-תרצח" האב איך ארויסגענומען מיט צוויי האלבע-לבנות-טאבלעטקלעך; אז מ'וועט וועלן וועט מען דאס אין דער צוקונפט איינגאנצן קענען אויסשרייבן...

יא! יא! אזוי איז דאס הארציגער טאטע! מ'וואלט זיך דען גע-רעכט און געגלויבט, אז אין צוואנציגסטן יארהונדערט זאל זיך מא-כען אזא ~~[illegible]~~ חורבן איז דאס אפשר ניט אמאל די לעצטע מלחמה פון גוג ומגוג? אזוי אזוי, איז שוין באלד אלעס בדאי, נאר ווער ווייסט?

דערווייל בין איך א סאלדאט, איך וויל ~~[illegible]~~ גלויבן, אז דו ביסט דער איינציגער, וואס ~~[illegible]~~ וועט מיך ריכטיג פארשטיין... דו וועסט ניט זיין ווי די אנדערע און מיך פרעגן: פארוואס? וואס פלוצלונג? פאר וועלכן צוועק?_ ווייסטו, פאטער, אז אין פאריז, דער צווייטער היימאט, וועט מען איצט מוזען מיט א לאטערן אין מיטן העלן טאג ארומגעהן און זוכן א מענ-שען.. מ'האט ווי א משוגעת פארכאפט יעדן איינציגן, און, ניט אפגע-בענדיג זיך קיין דין-וחשבון, האט יעדער זיך אנגעפולט מיט האס, נקמה

301 124 70693



איבערהויפט אין די לאגע פון די פרעמדע אידן א פארצוויי_פעלטע. אלע געהען ארום ווי די דערשראקענע, צעטומעלטע שאף, וואס זיי_נען פארייאגט געווארען דורך בייזע וועלף. באלד ווי די אלגעמיינע מאבילי_זאציע האט אויסגעבראכען, האבען באגעגנט אויף טריט און טריט צע_טראגענע פארצווייפעלטע אידישע פנים'ער מיט גרויסע פראגע-צייכענס אויף די שטערענס: וואס טוט מען?.. וואס זאלען מיר טאהן? וואס דענקט איר צו טאהן? און האט די צעטומעלטע געזיכטער און פראגען האבען מיך אליין געבראכט צו פארצווייפלונג.- און וואס וועלט געווען, צוריק ריידענדיג, אז מיר זאלען נישט געהן? פאגראמען?.. שרעק זיך נישט, פאטער! נישט אזעלכע חלילה , ווי אין רוסלאנד; דא וועלט דאס געטראגען א גאנץ אנדערן כאראק_טער: די פרויען, העטענס מענער זיינען אוועק שטארבען פאר „זייער" לאנד, וואלטען באפאלען אין מיטען גאס געזונטע מענער און געשלאגען, געטמית'ט זיי פאר וואס זיי דרעהען זיך ארום, אין דער צייט וואס זייערע מענער, פאטערס און ברידער שלאגען זיך אויף די פראנטען. אזא פאגראם איז א מאל מעהר א שאנדע איבערצולעבען, ווי געטוילעט צו ווערען פון א כוליגאן אין א בוידעם אדער אין א קעלער... און וואס נאך אנדערש האט מען געקאנט מאכען, ווי באריקאדען און פראטעסטירן קעגען קריגז האבען אבער דעם לעצטען שבת פון 31/7 די מאבלעס פון די ארדנונגס-היטער גע_געבען ביטער צו פיהלען דעם טעם פון זיך געגענשטעלען דעם שרעקליכען גאט פון מלחמה...

און גאר אנטלויפען, רעטען זיך פון דעם שרעקליכען אומגליק? דאס וועלט געווען שוין איבער מיין קראפט, נעגען מיין געוויסען. איביג וועלט איך זיך דאס נישט געקאנט שענקען אזא האנדלונג, אזא פיינקייט... אין דער צייט , ווען מיליאנען נפשות זענען אין געפאהר, גאנצע פעלקער טרינקען זיך אין בלוט, זאל איך זיך אויסהיטען און מיך אין זיינען האבען צו ראטעווען, און די וועלט צו איר שיקזאל איבערלאזען?....

302 40 125 70694

— און װאָס װעט שוין זײַן, אַז דו װעסט אױך אומקומען; װעט די װעלט שוין געהאָלפֿן װערן, װען דו װעסט זיך לאָזן אומברענגען?..

אַזעלכע און אַנדערע איבעררעדן קאָנען מיך ניט איבערצײַגן. אַזעלכע אַרגומענטן נוצט מען אױס, כּדי זיך אָפּ'פּטר'ן פֿון דעם פּלאָגנ־דען געװיסן. איך װײס, אַז די לײַדן לײַטערן אױס דעם מענטשן און װען איך װעל זײַן צוזאַמען מיט זײ און העלפֿן טראָגן דעם שװערן מאַרטירער־קרײַץ, בלױזן מיט זײ צוזאַמען, װעט דאָס אַלעמען זײַן אַ טרײסט און פֿאַרגרינגערן זײערע לײַדן און װעהטאָגן. אױב איך קען ניט העלפֿן די מענטשן, איבערצײַגן זײ װעגן אַ שענערן, בעסערן לעבן, װען קײנער װעט קענען ניט שטערן, — דאַן װיל איך אומקומען, שטאַרבן צוזאַמען מיט זײ...

אײנער אַ אידעאַליסט װאָס איז געגאַנגען העלפֿן פֿראַנקרײַך געגען דײַטשלאַנד, האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן, דורכגעהענדיג דעם פּלאַץ קאָנקאָרד בײַ דער סטאַטוע פֿון שטראַסבורג: — קוקט זיך גוט צו, װײסט איר װאָס דאָס איז פֿאַר אַ סטאַטוע? — שטראַסבורג! ענטפֿער איך. — און דאָס געהען מיר אַלע אַצינד זיך שלאָגן און זי אומקערן צו איר פֿאָטערלאַנד און שטאַם!.. דאָס זאָגנדיג, האָט ער אַרונטערגענומען זײַן הוט און אױסגעשריגן: „זאָל לעבן פֿראַנקרײַך! זאָל לעבן עלזאַס, לאָטרינגען! זאָל לעבן שטראַסבורג!"..

אָט דער ענטוזיאַסט האָט מיך געװאָלט מאַכן פֿילן, אַז ס'איז נױטיג זיך געהןשלאָגן פֿאַר שטראַסבורג.

איך, דעם אמת זאָגנדיג, בין געװען זײער, זײער װײַט פֿון אַזעל־כע געפֿילן און איך האָב געזעהן אין דעם פֿײַערדיגן פּאַטריאָט דעם װעל־דישן אידן װאָס איז זיך מקריב פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון פֿראַנקרײַך אין דער צײַט פֿון דער רעװאָלוציע, אין װילנע — אין די יאָהרען פֿון 31 און 63 און אין די אַלע רעװאָלוציאָנערע עפּאָכן פֿון רוסלאַנד...

אין איהם אײנעם האָב איך זײ אַלע געזעהן. איך האָב אָבער ניט געקאָנט זײַן אַזױ ענטוזיאַסטיש, װי ער, װײל איך האָב צו גוט געװאוסט, אַז

אלע די , מיט װעלכע איך װעל זיך טרעפן אין שלאכט, זײנען אויף
אזוי פיעל שולדיג אין קריג, פונקט װי איך און די מיליאנען אנדע-
רע װאס געהערן װי שאף צום שעכטן. און אויך זײ, כאטש זײ זענען פראנ-
צויזן, דײטשן, טערקן און ענגלענדער, װעלן אזוי פיל האבן פון
דעם זיג, פונקט װי איך און נאך טויזנטער אידן מיט מיר צוזאמען...
נאך מער: איך האב צו גוט פארשטאנען, אז אויסער דעם װאס איך װעל זיך
מוזן שלאגן מיט דײטשן, עסטרײכער, טערקן און בולגארן, װעלכע
האבן מיר קײנמאל קײן שלעכטס ניט געטאן, מיט װעמען כ'האב זיך קײנמאל
ניט געטראפן, - װעל איך זיך נאך דערצו מוזן שלאגן מיט מײנע אײגענע
ברידער, אומגליקליכע, פארפלאגטע, פארשטויסענע אידן, װי איך, װאס
האבן געמוזט פונקט אזוי האנדלען װי איך און אנדערע טויזענטער גע-
צװאונגענע און „פרײװיליגע“ קעמפער, אזעלכע װאס זענען פארטריבן גע-
װארן פון רוסלאנד און רומעניע, פארפלאגט געװארן אין דײטשלאנד און
אין עסטרײך, באלײדיגט געװארן און פארשטויסן אומעטום...

און װי האב איך איבערהויפט געקאנט װערן מיטגערוסן אין
שרעקליכן שטראם פון װילדן האס און נקמה אין דער צײט, װען איך האב
אזוי ליב די דײטשן װי די פראנצויזן, די ענגלענדער װי די טערקן, -
מיר זײנען אלע ליב און טײער, מעגן זײ זײן שװארץ, ברוין, רויט אדער
געלב - אלע זענען גלײכע מענטשן און האבן א רעכט צו לעבן אויף דער
װעלט; אלע, אלע װאס דענקען, לײדן, שטרעבן און קעמפן פאר זײער עק-
זיסטענץ, די װאס װערן פארפאלגט, געמאטערט, װאנדערן אויס פון „זײער
לאנד“ פונקט אזוי װי איך און אנדערע װאס האבן קײן אײגן לאנד...
און פונדעסטװעגן, מײן טײערער פאטער, בין איך אײצטער א
סאלדאט, און דערצו א גוטער, פעאיגער און געשיקטער בראװער סאלדאט!
אלע געבן עס צו, אז איך בין דער ריכטיגער װאס װערט פארלאנגט און
װאס „פרעבענדעװעס“ ניט...

42
304
70696 127

און װידער אמאָל, צוריק רעדענדיג, האָב איך געקאָנט אנדערש מאַכן? בלײַבן אין פּאַריז אויף גאָט'ס באַראָט, זיך אָנגרײטן צוקער, ברויט, קאַ- װע און דערצו א פּאָר זילבער- און גאָלד-שטיקלעך, אז װען די דײַטשן װעלן אַרײַנקומען אין שטאָט, זאָל זײַן פאַר װאָס זיך קויפן עסן...— האָט אפילו אזא אומשולדיגע זאַך, װי דאָס זאָל ניט אויסמײַדן, האָב איך בײַ זיך ניט געקאָנט שטעלן. מיך האָט געצװאונגען צום שטראָם.. װאָס, װאָס—אײַן זאַך האָב איך יאָ צו פאַרשאַנקען מײַן סאָלדאַטישן מונדיר און שפּיבאַלאָגיעז איך װײַן שוין במעט גאָרניט. דאָס האַרץ, פיהל איך, װי ס'װערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער, האַרטער, שטײפער און פעסטער. איך רעכן און האָף, אז מיט דער צײַט װעל איך װערן דער ריכטיגער װאָס איז נויטיג אין דער װעלט: א מענש מיט א כאַראַקטער. די מלחמה-איבונגען װעלן פלינקער מאַכן מײַנע הענד און אויך צוגעװאוינען אַרויסצושטעלן די ברוסט אנשטאָט דעם רוקן און זיך ניט פאַרלירן. אצינד װעל איך זיך ריכטיג אויסלער- נען צו פעכטן און קאַמף צו פיהרען מיט די אמת'ע שונאים פון פאָלק...

יאָ! יאָ! מען מוז זיך לערנען צו פיהרען מלחמה, װײַל ס'װעט נאָך זײַן מלחמות און מלחמות. ס'איז נאָך ניט די לעצטע שלאַכט פאַר אונז. נײַן, טײַערער פאָטער! איך רעד זיך דאָס גאָר ניט אײַן, און װײַטן פאַר װאָס? װײַל מיט מלחמות װעט מען קײנמאָל ניט אָפּשאַפן מלחמות! איך װײס דאָס זעהר גוט און דערום לערן איך זיך פיהרען מלחמה.

...דאָס לעצטע מאָל, װאָס איך האָב געװײנט איז געװען אין פּאַריז, בײַ דעם ליאָנער באַהן-האָף, װען א גאַנצע מחנה אידען האָבן אונז באַג- לײט צו דער באַהן-סטאַנציע. אײנער א עלטערער איד-ער שטײט מיר נאָך פאַר די אויגן- מיט א ברײטער, גרױער לאַנגער באָרד, האָט געטראָגן א אי- דישע פאָהן מיט א מגן-דוד און געזונגען די „התקוה". אָט דאָס בילד האָט בײַ מיר אַרויסגערופן טרעהרען פון פרײד.

73 128 70697

## בריװ צו מײן טאטע'ן

ליבער, גוטער פאטער,

איך האב זיך שוין אזוי שטארק ארײנגעלאזט אין דער מלחמה-
........
קונסט, אז איך האב שוין כמעט פארגעסן אין דער גאנצער איבעריגער
װעלט. איך האב געבעטן אײנעם א גוטן פרײנט, ער זאל מיר שיקן
עפעס צום לעזן, האט ער מיר געענטפערט, אז ס'איז גלײכער, איך זאל
ניט לעזן און ניט הערן, װעט מיר גרינגער און בעסער זײן. „דאס
לעזן װעט דיך אויפרעגן", האט ער געשריבן. און ער האט רעכט גע-
האט. אט האט איך באקומען נײעס צום לעזן: פרישע, שפאגעל-נײע פאג-
ראמען אויף אידן. אין די ערטער, װאו דאס רוסישע מיליטער געפינט זיך
װערן אפגעטאן שוידערלעכע מעשים. פרישע געשענדעטע אידישע טעכטער...
נײע קרבנות... אלטע לײט, קינדער, פרויען און מענער... נײע גזרות,
נײע רציחות, נײע בילבולים... אן אלטן רב געהאנגען פאר די אויגן
פון דער גאנצער שטאדט; צען אידישע מײדלעך דערטרונקען זיך פאר שאנ-
דע, און פון הונדערטער שטעדט און שטעטלעך װערן די אידן ארויסגע-
טריבן פון זײערע באזעסענע ערטער, װאו זײ האבן זיך קוים דערנערט,
פון נסים געלעבט, און אצינד טרײבט מען זײ איבער די װילדע װיסטע
סטעפעס, אין שנײ און אין רעגן, אין װינט און אין פראסט.. דער
אײנציגער שוץ זײערער איז נאר דער הימעל, דער נאקעטער, הוילער הי-
מעל, און אויך ער איז גרויזאם צו זײ! גאט! װי שרעקליך! װי שרעק-
ליך איז דאס צו הערן! און איך בין דא, אזוי װײט פון זײ... איך
האב זיך באהאלטן אין די טרענטשעס, ניט צו זעהן זײער פײן, זײ ני-
קענען העלפן אפילו מיט א טרער און קרעכץ... װאס איז דער אונטער-
שיד פון די װאס באהאלטן זיך אין די קעלערס, אויף די בוידעמער, און
מיר? קײן אונטערשיד! דארטן זענען פאגראמען, פײניגונגען און איך

374 315 129



70698

האָב זיך דאָ באהאלטען! וואס האב איך דאָ צו טאָהן?!

— — —

...... ניט לאנג צוריק האט מיר שמואל דערצעהלט, אז אויך ער האט דיר פארטאפט אונאנגענעמליכקייטען: דריי שיכורים זענען אריין צו דיר אין שטוב, זיי האבען געשימפט, געמאכט סקאנדאלען און צום סוף געוואלט דיך שלאגען. דיך שלאגען?! — דאס האט איהם אזוי אויפגערעגט, אז ער האט מיט א שטיוועל אין האנד, וועלכען ער האט געהאלטען אין פוצען, א שפרינג געטאן צו זיי... און דריי, מיט איין שטיוועל... דריי... וואס פאר א פארגלייך און ווערט האבען געהאט טויזענט מיט א באק פון אן אייזעל אנטקעגען די דריי מיט'ן שטיוועל האט זענען קוים מיט'ן לעבען ארויס פון שטוב... און דערנאך?! וואס האט, ארעסטירט, געהאט אויסצושטעהן פון דער פאליציי־אישער גערעכטיקייט... טאקע ריכטיג... געקומען צו דיר אין שטוב, געמאכט סקאנדאלען, שלעגען, אבער — אין רוסלאנד מעג מען עס!.. אזוי דער פריסטאוו האט דיך א קריגען, אלטע! מאן געגעבען מיט'ן שטי־וועל אין הויך!.. גאט! פאר וואס בין איך ניט געווען א שטיין פון דער וואנד און ניט ארויסגעפאלען אויף איהם צעשמעטערט; אויב ניט — כאטש א פליג, וואס זאל זיצען אין זיין סם און פרעסען... און שמואל האט דאס צוגעזעהן. צוויי פאליציאנטען האבען איהם צוגעהאלטען און ער האט נאר א געשריי געגעבען; אבער דו האסט קיין ווארט ניט געזאגט, נאר אביסעל דאס מויל פארקרומט און רוהיג געקוקט דיינע פיינדער אין פנים... ביסט געשטאנען און געקוקט פאר זיך גלייך, ווי עס וואלט גארניט געשעהן. אט א פנים אין דעם ביסטו אויך שולדיג... וואס מיינט ער דאָ ביי מיר, טאטע דאן האט ער ניט געמיינט אונז אלע, דערצעהלענדיג, מיינט ער!... אט די גרויזאם! , ווי שרעקליך! פארוואס האסטו כאטש איינעם פון אונז ניט אויסגעלערענט זיין הארט, ביז אזן ווילד!.. וואס איז דאס פאר א גאנגען! מיינען, שטענדיג מיינען! ניט איינמאל האב איך מיין קושען פארפלעקט צו־ליב די ערינערונגען, וואס לאזען ניט שלאפען... אויך שמואל דאסזעלבע. פארוואס ביידע אזוי געשטראפט?! דו האסט אונז געלערענט רחמנות: זאלסט